STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04031

OLGIN DERMONT UNZ!

Moissaye J. Olgin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלגין דערמאָנט אונז!

זומפּלאַנד

(פון דייטש — אידיש פון מ. אַלגין)

וואו עס טוט דאָס אויג אַ בליק, פּלאַכע זומפּלאַנד אומעטום.
פויגל שטים אונז ניט דערקוויקט, דעמבעס שטייען נאַקעט, קרום:

מיר זיינען זומפּלאַנד ברידער
און שפּאַנען מיטן רידל — אין זומפּ!

אויף און אָפּ מאַרשירן פּאָסטנס, קיינער קען דאָ ניט אַרויס.
לויפן, ווערט דאָס לעבן קאָסטן, הויך די צאַם, די וואַך איז גרויס.

מיר זיינען זומפּלאַנד ברידער
און שפּאַנען מיטן רידל — אין זומפּ!

דאָך מיר טאָרן זיך ניט קלאָגן, ווינטער קען ניט אייביג זיין.
ס'קומט אַ טאָג, מיר וועלן זאָגן: פאָטערלאַנד ביסט ווידער מיין!

דאַן גייען זומפּלאַנד ברידער
ניט מער שוין מיטן רידל — אין זומפּ!

פאַרצייכענונגען

פון שלמה דאַווידמאַן

אַלגין דערמאָנט אונז!

יעדן אינדערפרי, ווען איך נעם די „מאָרגן פרייהייט" אין דער האַנט אַריין, קוקט אויף מיר משה אַלגין מיט זיין פילאָזאָפישן שמייכל — און איך לייען אַרויס, ווי ער וואָלט געזאָגט: „גוט אַזוי, ברידערלעך און שוועסטערלעך, מיר דאַרפן לייענען די „מאָרגן פרייהייט" יעדן טאָג, מיט ליבע ווייסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט:...

:: :: ::

אין 1900, ווען אַלגין איז אָנגעקומען אין יורידישן פאַקולטעט פון קיעווער אוניווערזיטעט, ווערט ער גלייך אַריינגעצויגן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער ווערט אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַ פּאָר הונדערט סטודענטן און ווערט אָפּגעגעבן אין דינסט אַלס סאָלדאַט.

ווען מיר קוקן זיך צו צו דער איצטיקער סטודענטן־באַוועגונג און זעען דאָרט אונזערע זין, טעכטער און איידיניקלעך, דאַכט זיך אונז, אַז דאָס איז דער פאַרזוי פון משה אַלגין.

ווי סימבאָליש עס קלינגט, וואָס משה אַלגין איז געווען אַ מיטגליד אין דער אידישער רעוואָלוציאָנערער סטודענטן־גרופּע „פרייהייט", וואָס פון איר איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די קיעווער אָרגאַניזאַציע פון דעם „בונד". אַט־דער נאָמען איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן אויף דער אַמעריקאַנער ערד, וואו ס'איז געבוירן געוואָרן די איינפלוסרייכע פּראָגרעסיווע פאָלקס־צייטונג, די „פרייהייט" אין 1922. אַלגין איז געווען איינער פון אירע גרינדער, בויער, רעדאַקטאָרן ביז'ן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

„דאָס האָט ער געלערנט דעם, וואָס לעבן האָט ווייניג, ער זאָל פאָדערן און מאָנען". (ל. מילער)

אין אַפּריל, 1903, ווערט אַלגין אַרעסטירט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צוגרייטונג־אַרבעט צו שאַפן אַ אידישן זעלבסט־שוץ אין קיעוו געגן דערוואַרטע פּאָגראָמען.

שוין אין יענער צייט האָט אונז אַלגין געלערנט צו קעמפן געגן יעדער פאָרם פון אַנטיסעמיטיזם, ...ווי אַ פאָראויסזעער פאַר די גיבורים־קעמפער פון דער „וואַרשעווער געטאָ", וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר'ן כבוד און דער קולטור פון אידישן פאָלק.

אַלגין האָט אין 1912 צונויפגעשטעלט אַ אידישע ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע „דאָס אידישע וואָרט", אין 3 טיילן.

שוין דעמאָלט האָט אונז אַלגין געלערנט, אַז מיר דאַרפן שטודירן די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור. אין אונזער היינטיגער צייט, אין אַמעריקע, מיינט דאָס, אַז מיר דאַרפן העלפן בויען די פּראָגרעסיווע אידישע קינדער־שולן, עלעמענטאַרע, מיטלשול און הויך־קורסן. דאָס מיינט אויך די דערוואַקסענע. ס'איז קיינמאָל ניט שפּעט צו לערנען!

אין 1912 גיט־אַרויס דער פאַרלאַג „פּראָגרעס", וואַרשע, אַ זאַמלונג פון אַלגין'ס בעלעטריסטישע פאַרצייכענונג און בילדער אונטער'ן נאָמען: „ווען דאָס לעבן רופט", אין וועלכע עס שפּיגלען זיך אָפּ די קאַמפס־שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אויף דער אידישער גאַס אין דער צייט פון דער רוסישער פרייהייט־באַוועגונג. דער בוך איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט. די זאַמלונג איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין 1918 אונטער'ן נאָמען: „ווען קייטן קלינגען", „וואַרשע, פאַרלאַג „אידיש".

די בילדער „געלעבט־געקעמפט", „דער לעצטער קרבן", „ווען די קייטן קלינגען" און אַנדערע זיינען נאָך ביז איצט אַ מוסטער ווי אַזוי צו שרייבן קעמפערישע בעלעטריסטיק.

אונזערע פּראָגרעסיווע שרייבער, וואָלט אונז איצט געלערנט אַלגין, וואָלטן געדאַרפט אָפּשפּיגלען די קאַמפן פון דער אַמעריקאַנער יוגנט אין די אוניווערזיטעטן, דעם קאַמף פון נעגערישן פאָלק; די קאַמפן פאַר שלום אין וויעטנאַם, פאַר שלום צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער, און בכלל וויכטיגע געשעענישן איבער דער וועלט. אַלגין האָט דערהויבן דעם פּאָליטישן רעפּאָרטאַזש צו קינסטלערישער הויך.

אַלגינס שאַפונגען

דאָס לעבן פון משה אַלגין, 1878—1939, איז געווען אַזוי רייך אין פיל פאַזן, אַז ווען מען וואָלט אַרויסגעגעבן, וואָס ער האָט געשאַפן אויף אידיש, העברעאיש, רוסיש, ענגליש און אַנדערע שפּראַכן, וואָלט זיך באַקומען אַ גאַנצע ביבליאָטעק. און וואָס מען האָט געשריבן וועגן אַלגינ׳ען, וואָלט פאַרנומען נאָך אַ פּאָר שיינע בענדער.

מיר וועלן בלויז דערמאָנען די בענדער, וואָס זיינען דערשינען ביז איצט, וואָס האָבן אַ דויערנדיגן ווערט: „אין דער וועלט פון געזאַנגען", 1919; „מיין שטעטל אין אוקראַינע", 1921; „די נשמה פון דער רוסישער רעוואָלוציע" (2 בענדער אויף ענגליש, איבערגעזעצט אויף אידיש פון מ. אַשעראַוויטש), 1921; „פון מיין טאָגבוך", 1926; „האָורילע און יואל", 1927; „טראַצקיזם", 1937; „צעבראָכענע גראַטעס", 1937; „פאָלק און קולטור", 1939; „1905", 1940; „אַמעריקע", 1941; „סאָוועטן־פאַרבאַנד", 1944 (די לעצטע פיר בענדער, רעדאַקטירט, מיט אַ רייכן אַנאַליטישן פאָרוואָרט, פון פּ. נאָוויק.)

מיר ווילן, צום 29טן יאָרצייט, פאָרשלאָגן, אַז די זשורנאַלן „יידישע קולטור", „זאַמלונגען", „סאָוועטיש היימלאַנד" און אַנדערע, זאָלן אין משך פון 1969, צום 30טן יאָרטאָג, אָנהויבן איבערדרוקן דאָס בעסטע פון משה אַלגין. ס׳איז אַ גרויסע רייכע ירושה, פון וועלכער די אידישע פאָלקס־מאַסן איבער גאָר דער וועלט האָבן זייער אַ סך צו לערנען.

מ. אַלגין איז געווען אַ גרויסער סעגער פון פיל שפּראַכן. ער האָט איבערזעצט אויף אידיש פון העברעאיש צוויי בענד פון מענדעלע מוכר ספרים; פון פּויליש — אַ באַנד דערציילונגען פון עליזאַ אָרזשעשקאָ; פון דייטש — אַדעלהייד פּאָפּ׳ס „יוגנט־געשיכטע פון אַן אַרבעטאָרין; פון רוסיש — יושקעוויטש׳עס „הונגער", אַנדרעיעוו׳ס „קעניג הונגער", „זיבן געהאַנגענע", „דער געדאַנק", לעוו טאָלסטאָי׳ס „דער לעבעדיגער מת"; פון ענגליש — דזשעק לאָנדאָנ׳ס „די שטים פון בלוט", דזשאָן ריד׳ס „צען טעג, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט"; פון דייטש אויף ענגליש — ענגעלס׳עס „דער פּויערים־קריג אין דייטשלאַנד"; פון רוסיש אויף ענגליש — לענינ׳ס געזאַמלטע ווערק, בענד 18, 19, 20. 21.

זיין לעבנס־ווערק

דאָס גרעסטע ווערק, וואָס אַלגין האָט געהאָלפן גרינדן, בויען, שאַפן, רעדאַקטירן, מיט זיין גאַנצער ליבע, איבערגעבנקייט, מיט׳ן גרויסן פייער פון זיין האַרצן און זיין ברויזנדער נשמה, — איז די „פרייהייט" — „מאָרגן־פרייהייט" פון 1922 ביז 1939.

מיט דער גבורה פון אַ מאָדערנעם נביא, האָט ער, טאָג־איין־טאָג־אויס, דורך זיינע עדיטאָריעלס, אַרטיקלען, בעלעטריסטישע אַרבעטן, געוועקט, געמאָנט, געלערנט די אידישע פאָלקס־מאַסן, אַז מען דאַרף רעדן אַ שיינעם, ריינעם אידיש; לייענען די אידישע ליטעראַטור (געווען איינער פון די הויפּט־גרינדער פון „איסוף"); מיט פּאָליטיש־עקאָנאָמישן באַוואוסטזיין העלפן פאַרבעסערן און פאַרשענערן דאָס לעבן פון אַרבעטער; פאַרטיידיגן די אינטערעסן פון די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסן; ווייזן דעם וועג פון די פיל־געפייניגטע פאָלקס־אידן איבער דער וועלט צו אַ צוקונפט פון אַ וועלט פון שלום, גערעכטיגקייט און פרייהייט, וואו אידן זאָלן האָבן זייער באַרעכטיגטן היסטאָרישן פּלאַץ.

:: :: ::

די „מאָרגן־פרייהייט"

מאָנומענט פאַר מ. אַלגין

מאַקסים גאָרקי

דער שטורעם-פויגל

פון מאַקסים גאָרקי • אידיש: מ. אָלגין

יעקב שייפער האָט געשריבן מוזיק צו דער פּאָעמע. די קאָמפּאָזיציע איז געזונגען געוואָרן מיט יאָרן צוריק פון דעם פרייהייט געזאַנג־פאַראיין אין ניו יאָרק און איז אויך אויפגעפירט געוואָרן פון דעם באָר אינאיינעם מיט'ן „אַרטעף", אונטער דער רעזשי פון בענאָ שניידער.

אויף אַ וועלט־צוזאַמענפּאָר פון קאָמפּאָזיטאָרס אין מאָסקווע, אין 1934, האָט יעקב שייפער געוואונען דעם צווייטן פּרייז פאָר דער קאָמפּאָזיציע.

אויפן ים אין גראָער ווייטקייט, טרייבט דער ווינט געדיכטע כמאַרעס, צווישן ים און זוים פון כמאַרעס שניידט זיך שטאָלץ דער שטורעם פויגל צו אַ שוואַרצן בליץ געגליכן.

אָט זיין פליגל רירט די כוואַליעס, אָט ער שיסט אַרויף צום וואָלקן און ער שרייט און וואָלקנס הערן פרייד אין פויגלס דרייסטן שרייען.

דער געשריי איז שטורעם דורשטיג, פלאַם פון לײדנשאַפט און צאָרן און אַ גלויבן אין נצחון, הערן אין געשריי די כוואַליעס.

טשאַיקעס קרעכצן פאַר'ן שטורעם, קרעכצן, וואַרפן זיך צעטומלט גרייט אין ים באַהאַלטן טיפער זייער פחד פאַר'ן שטורעם.

אויך די ים־הון קרעכצט אין אונמוט, קען אַ ים־הון דען באַנעמען דעם גענוס פון שלאַכט פאַר לעבן? עס דערשרעקט דער קלאַפּ פון דונער.

טעמפּער פּענגווין ס'רופּט פֿאַרשטעקן פעטן קערפּער פון די פעלזן, נאָר דער שטאָלצער שטורעם פויגל שוועבט אַרום אי פריי, אי מוטיג אויפן גראָ־צעשוימטן וואַסער.

בייזער, נידעריגער פאַלן שוואַרצע כמאַרעס צו דעם וואַסער, כוואַליעס זינגען, כוואַליעס לעכצן צו דער הויך אַנטקעגן דונער.

ס'קראַכט דער דונער. כוואַליעס שטרייטן מיטן ווינט אין שוים פון צאָרן. אָט פאַרכאַפּט דער ווינט אַ הויפן כוואַליעס אין די שטאַרקע אָרעמס.

אָט ער שליידערט זיי מיט אימפּעט ווילד און וואוטיק אויף די פעלזן און צעקלאַפּט אויף שטויב און שפּריצן די שמאַראַגדן.

מיט געשריי מאָטיוון דער פויגל יאָגט זיך, צו אַ שוואַרצן בליץ געגליכן ווי אַ פייל
צעשניידט ער וואָלקנס, כוואַליע־שוים צעשפּריצט זיין פליגל

ווי אַ בייזער גייסט ער טראָגט זיך־שטאָלצער, שוואַרצער גייסט פון שטורעם — אָט ער לאַכט און אָט ער כליפּעט... ס'לאַכט ער אוים די הורבעס וואָלקנס, ס'וויינט ער אוים דאָס האַרץ, אין פריידן.

אין דער דונער־וואוט אַ מאַטקייט הערט ער לאַנג שוין — שפּירער — טייוול, ער איז זיכער: ס'איז ניט מעגלעך זון מיט וואָלקנס צו פאַרשטעלן — ניין, ניט מעגלעך!

ס'קלאָגט דער ווינט... עס קראַכט דער דונער...

פלאַמיג־בלאָע ברענען סטייעס וואָלקנס. איבער וואַסער — אָפּגרונט כאַפּט
דער ים די בליצן־פיילן און דערטרינקט זיי אין די תהומות, ווי די פייערדיגע שלאַנגען, דרייען זיך אין ים, פאַרשווינדן די רעפלעקסן פון די בליצן.

שטורעם, אָט ברעכט אוים דער שטורעם!

דאָס שוועבט אום דער שטורעם־פויגל מוטיג, זיכער צווישן בליצן אויפן בייז־צעברומטן וואַסער, דאָס רופט אוים דער שטורעם נביא...
זאָל דער שטורעם קומען שנעלער!

חבר מ. אָלגין האַלט אַ רעדע אינעם מאָסקווער קלוב „קאָמוניסט", בעת זיינעם אַ באַזוך אין סאָוועטן-פאַרבאַנד.

אַלגין אין דער אַנטאָקאָליער טורמע

אין זיין בוך „צעבראָכענע גראָטעס", זייט 56, שרייבט אַלגין:

„איך בין געווען איינער פון די עטלעכע אַרעסטירטע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין באַזוכער. בריוו פלעגן צו מיר אָנקומען דווקא אָפט, אָבער דאָס זיינען געווען געשעפטלעכע בריוו, באַוועגונג־בריוו: דאָ האָט מען ביי מיר באַשטעלט אַן אַרטיקל, דאָרטן — אַן אויפרוף. דאָ האָט מען עפּעס אָנגעפרעגט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין טורמע. פּערזענלעכע בריוו האָב איך ניט באַקומען.

וואָס איז שייך מיינע עלטערן און ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן געוואוינט אין קיעווער גובערניע, האָט זיך ביי זיי געשאַפן דער געדאַנק, אַז עס איז בעסער מיר גאָרניט צו שרייבן. דער געדאַנק איז געווען אַ פאַלשער. מיט די בריוו וואָלטן זיי קיינעם ניט געשאַדט. מיר וואָלט דאָס געווען אַ פרייד. פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען זאָגן, אַז עס איז גאָרניט אַזוי אָנגענעם צו באַקומען בריוו, וועלכע גייען דורך די הענט פון נאַטשאַלסטוואָ און ווערן אָפּגעשמירט מיט אַזאַ מין זויערקייט כדי אויסצוגעפינען, צי עס איז דאָרט ניטאָ קיין געהיימע שריפט"

וואו, אין קיעווער גובערניע, האָט זיך אַלגינ'ס משפחה געפונען? ווי האָט אויסגעקוקט דאָס שטעטל, וואוהין אַלגין האָט זיך, זיצנדיג אין טורמע, דער אַנטאָקאָליער טורמע, אין ווילנע, אין 1904, אַריבערגעטראָגן אין זיינע מחשבות?

פריינט יאַבקאָ פון ברוקלין, וועלכער איז אַלס אינגל געווען אַ שילער אין דער תלמוד תורה פון ראַגאַטשאָוו, וואו אַלגין האָט געלערנט, האָט צוגעשטעלט די פאָלגנדיגע איינצלהייטן־שטריכן פון אַלגינ'ס ביאָגראַפיע.

:: :: ::

אַלגינ'ס טאַטע: מיטלוואוקסיג, רויכערט אַ סך, רויכערט אום שבת. שטעלט שבת דעם סאַמאָוואַר. שטענדיג אונטערגעהוסט, געהאַט די „זאַדיטשקע", אַ זאַדישליווער בראָנישער בראָנכיט. פון אים האָט מאָיסעי (משה) אפשר גע'ירשנ'ט זיינע אַסטמאַ־אַטאַקעס. דער טאַטע פלעגט קומען שטענדיג אין שול אַריין צו „עלינו" (אַליינו — די לעצטע תפילה ביים דאַווענען) און באַלד קומען צוריק אַהיים. די מאַמע איז געווען פרום — די הייליגקייט אַליין.

ווי קומט זיין טאַטע, חיים נאַוואַמיסקי פון בוקי, קיין (ראַטשעוו) ראָגאַטשאָוו?

אין ראָגאַטשאָוו איז געווען אַ פּאַפּיר פאַבריק, האָט מען אויסגעשריבן חיים'ען, פון בוקי, צו ווערן אַ נאמן (נעעמאָן — באַגלויבטער) שרייבער, אַ מין פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק. איז ער, מאָיסעי (משה), מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען, אַ ברודער אברהם, און צוויי שוועסטער געקומען קיין ראָגאַטשאָוו. נאָך אַן עלטערע שוועסטער און נאָך אַן עלטערער ברודער זיינען געבליבן אין בוקי.

קיין ראָגאַטשאָוו איז דעמאָלט אונטערגעקומען דאָקטאָר טאָרגאַוועץ פון זשיטאָמיר. ער איז געווען אַ מין מיליטערישער פעלדשער, אַ מין פּראַקטיקער דאָקטאָר. ער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט מאָיסעי כאַימאָוויטש נאַוואָמיסקי.

דאָס איז שוין געווען דעמאָלט ווען מאָיסעי (משה) און זיין ברודער אברהם האָבן „עקסטערנעוועט" און געגעבן אוראָקן (לעקציעס). זיי האָבן געדונגען אַ דירה פון צוויי צימערן ביי פיניע גרושקאַ. שפּעטער האָבן זיי דאָרטן איינגעפירט אַן אַלגעמיינעם לייען־קרייז. זיי, משה און אברהם, האָבן אומלעגאַל געלערנט מיט בית־

מדרש'ניקעס (ביים - מעדרעשניקעס, ישיבה־בחורים) רוסיש. שפּעטער זיי־נען צוגעקומען אַ צאָל באַלעבאַטישע קינדער.

מאָיסעי האָט אַרויסגעלאָזט אַ מין מינדלעכן רוף, צו גרינגרן לייען־קרייזן.

דעם רב'ס זון פון ראָגאַטשאָוו איז געווען אַ שילער פון די לייען־קרייזן. ער האָט זיך פאַרליבט אין מילנער'ס מיידל. דער רב איז געזעסן שבעה (שיווע — זיבן טעג, גלייך, נאָך אַ טויטן...)...

אין אָלגינ'ס געדאַנקען, זיצנדיג אין טורמע, האָט געווים פאַרנומען אַן אָרט דער סעלעצקער וואַלד. שומ־רים זיינען געזעסן אויף די בוימער און געהיט די פאַרזאַמלונגען... אַרבעטער־מיידלעך זיינען געקומען — אָלגאַ, רייזל און אַנדערע,

... אָט באַווייזט זיך — אין אָלגינ'ס מחשבות — דאָס הינטער־געסל — לעבן די באַראַנאָווענער און סמאָלדאַווער גאַסן. מ'האָט געמוזט אַרומגיין די קרעטשמע כדי אויסצו־מיידן די בלאָטע, וואו די ברידער נאָוואָמיסקי האָבן געוואוינט אין הויז פון אסתר סטאָלנעכעס, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיטן שוחט'ס הויז, וואו עס האָט געשמעקט מיט געקוילעטע הינער...

דאָס שטעטל איז רעליגיעז... רביים (ראַבאַיאים) קומען. מאָיסעי מיטן דאָקטאָר טאָרגאָוועץ האָבן גע־גרינדעט אַ מאָדערנע תלמוד־תורה. די ערשטע פּאָר יאָר זיינען משה און נאָך צוויי די לערער. מ'האָט געלערנט העברעאיש, רוסיש. מאָדערנע קלאַסן פון זעכציג־זיבעציג קינדער, וואָס זיינען פריער געגאַנגען אין חדר (כעידער).

משה האָט אויסגעפילט קלאַסן מיט געזאַנגען . . . מען האָט געלערנט פון פרי ביז 8 אין אָוונט...

די צוויי ברידער וואָלאָוניקעס, וואָס האָבן געהאַלטן די פּאַפּיר־פאַ־בריק, וואו עס האָבן געאַרבעט אַ סך מיידלעך פון שטעטל, האָבן געהאָלפן אויסהאַלטן די תלמוד־תורה. די ברי־דער וואָלאָווניק האָבן דורך די זומערן געהאָלפן מיט שפּייז פאַר די אויס־פלוגן (פּיקניקס) פון די קינדער...

און אָט שטעלט זיך פאַר מאָיסעי־ען, אַז ער זעט די קופּאַלניקעס (באָד־איינריכטונג). יעדן שבת איז זיך די יוגנט געקומען באָדן . . . צוויי וויאָרסט פון שטעטל סלוטש... קליינע שיפלעך שיפלען זיך אַרום... סלוזשען (קליינע דאַמבעס) פאַרהאַל־טען דאָס וואַסער..

אין גאַנצן שטעטל ראַטשעוו (ראַ־טשאָוו) וואוינען פיר הונדערט משפחות, מערסטע אידן. די מערסטע מיידלעך אַרבעטן אין דער פּאַפּיר־פאַבריק . . . עס זיינען פאַראַן דריי רעליגיעזע שולן, אַ מרחץ (מערכעץ— באָד), אַ „טויטן־שטיבל". קאַטערינ־שטשיקעס קומען . . . שנאָרער, בעט־לער...

דאָקטאָר טאָרגאָוועץ און מאָיסעי כאַימאָוויטש נאָוואָמיסקי ברעכן די אַבערגלויבנס. די רעגירונג האָט גע־פאָדערט, לויט די געזעצן, אַ דיפּ־לאָמירטן לערער אין תלמוד תורה. האָט משה אַרונטערגעבראַכט זיין עלטערן ברודער מרדכי (מאָרדכע) נאָוואָמיסקי, אַ מטופל מיט קינדער, אַלס דיפּלאָמירטן לערער.

:: :: ::

און איצט (אין 1904) „זיצט" ער, מאָסעי, דער סטודענט, משה דער לערער פון ראָגאַטשאָוו, אין דער אַנטאָקאָליער טורמע אין ווילנע און טראַכט:

פאַרוואָס שיקן מיר ניט די עלטערן, ברידער און שוועסטער קיין בריוו?

מ'שיקט אים בלומען; מ'שיקט אים ביכער; מ'שיקט אים בריוו מיט באַשטעלונגען, אַז ער זאָל צוגרייטן פּראָקלאַמאַציעס, אַרטיקלען . . . נאָר קיינער פון זיין פאַמיליע שיקט אים ניט קיין בריוו! . . .

פון רעדאַקציע: דער שרייבער ש. דאַווידמאַן גיט זיך איצט אָפּ מיט אַ גרעסערער אַרבעט וועגן אָלגינ'ען, זאַמלט ביאָגראַפישע מאַ־טעריאַלן. דאָ, אין דעם פראַג־מענט, ווערן געבראַכט עטלעכע שטריכן וועגן אָלגינ'ס ערשטע טריט אין דער אַרבעט פאַרן פאָלק.

— „ג. א. פ."

דער לערער האָט פאַרמאַכט די אויגן!

מ. אַלגין

אויך הײַנט בין איך געקומען אין שול אַרײַן פרי, האָב צוגעגרייט מײַן קלאַס־זשורנאַל און די ביכער אויפן טישל און זיך אַוועקגעזעצט באַגעגענען מײַנע קינדער.

די קינדער זײַנען אַרײַנגעקומען, מיך באַגריסט און עפּעס געקוקט אויף מיר מער ווי שטענדיק, ניט גע־שמייכלט צו מיר. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שושקען. איך האָב דערהערט שטילינקע ווערטער: „דער לערער קוקט אויס אַזוי בלאַס. ער שמייכלט ניט הײַנט. עפּשער איז ער קראַנק? — לאָמיר הײַנט זײַן זייער שטיל!”

די קינדער האָבן זיך אויסגעזעצט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבן מײַן טישל:

— קינדער, איך וועל אײַך הײַנט דערציילן אַ מײַסע, אַ געשיכטע פון מיין לעבן:

— ווען איך בין געווען אַ אינגעלע פון אַ יאָר 12־13, האָב איך געלערנט אין אַ כיידער, ניט ווי איר, אין אַ שול. מײַן טאַטע האָט געוואָלט איך זאָל קענען לערנען טאַנאַך, געמאָרע. נאָר ווען איך האָב געהאַט צײַט, פלעג איך זיך אַוועקזעצן לעבן פענצטער פון אונדזער ביכער־געשעפט און לייענען אידישע ביכער.

איינמאָל איז אָנגעקומען צו אונדז אַ שיינער בוך, אַזאַ בוך, וואָס איר האָט. און דער בוך האָט פאַרמאָגט די שענסטע לידער און דערציילונגען פון די בעסטע

אידישע שרײַבער. דער בוך האָט געהײסן „דאָס אידישע וואָרט", צונויפגעשטעלט פון אַלגין.

עס איז געווען פאַר מיר פּונקט אַזוי שײן און האָט מיר געבראַכט אַזוי פיל פרײד, ווי איך זאָל געפינען אַ גרויסן אוצר מיט גאָלד, זילבער און בריליאַנטן. איך האָב אויסגעלערנט אַ סאַך לידער און פּאָעמעס אויף אויסנווײניק. איך האָב געלײענט די געשיכטעס פון דאָרטן.

דער טאַטע האָט געזאָגט: „וואָס ביסטו אַזוי פאַרטיפט אין דעם בוך „דאָס אידישע וואָרט"? — לערן אויך אַן אַנדער זאַך!"

די מאַמע האָט געזאָגט: „מײַן קינד, גײ עפּעס עסן, דו מוזט שוין זײן זײער הונגעריק. פון קײן בוך ווערט מען ניט זאַט!"

און איך האָב געענטפערט: „באַלד, באַלד!"

און פון זינט איך האָב געלײענט „דאָס אידישע וואָרט" פון אַלגין, האָב איך צו זיך געזאָגט: „אָט דער אַלגין מוז זײן זײער אַ גרויסער לערער! ער האָט פאַר מיר צונויפגענומען דאָס שענסטע אין דער אידישער ליטעראַטור!"

און איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז ניט נאָר איך האָב אַזוי געטראַכט, נאָר אַ סאַך הונדערטער אינגלעך און מײדלעך, וואָס האָבן געלײענט און געלערנט פון דעם בוך, האָבן אַזוי געטראַכט.

און איך האָב זײער געוואָלט קענען מײַן לערער אַלגין. און איך האָב זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן וואו ער געפינט זיך, וואו קען מען אים טרעפן. האָט מען מיר געזאָגט, אַז אַלגין איז אַזאַ לערער, וואָס זיצט ניט אײן אויף אײן פּלאַץ. ער איז אַ פאָלקס-לערער. ער פאָרט אַרום פון שטאָט-צו-שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל פון אַמאָליקן רוסלאַנד און רעדט צו אַרבעטער, לערנט די אַרבעטער ווי אַזוי אַרונטערצוװאַרפן דעם קײסער און אײנפירן אַ פרײַ לאַנד, אַ פרײַ לעבן.

און נאָך מער האָב איך געוואָלט זען דעם לערער, רעדן מיט אים, אים דערצײלן, אַז איך בין זײַנער אַ שילער.

און דערווײַל איז אָנגעקומען די וועלט-מילכאָמע. פון 1914 ביז 1917 זײַנען מיליאָנען מענטשן אויסגעהאַרגעט געוואָרן.

און דערנאָך איז געקומען די גרויסע אָקטאָבער רעוואָלוציע. די אַרבעטער און אָרעמע מענטשן האָבן זיך באַפרײַט פון רוסישן צאַר.

און מײַן שטעטל האָט אַלעמאָל געליטן פון באַנדיטן, וואָס פלעגן באַפאַלן די אידן און מאַכן פאָגראָמען. זײַנען הונדערטער, טויזנטער יונגע מענטשן געלאָפן איבער לענדער, געפאָרן איבער יאַמען און געקומען קיין אַמעריקע.

איך בין אָנגעקומען אין פילאַדעלפיע. איך האָב געאַרבעט אין אַ שפּײַז־קראָם. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער הײַזער און גאַסן און צעטראָגן פּעקלעך מיט עסנוואַרג, וואָס מען האָט באַשטעלט. און אין מײַן פרײַער צייט, האָב איך באַשריבן, וואָס איך האָב געזען.

אײנמאָל האָב איך באַמערקט, אַז אויף אַ גרויסן לײדיקן פּלאַץ, וואו קינדער האָבן זיך געשפּילט, האָט מען אויפגעבויט אַ גרויסע פאַבריק. האָב איך דאָס באַשריבן אונטערן נאָמען „דער ערשטער פײַף". ווי אַזוי דער גרויסער קומען פון דער נײַער פאַבריק האָט אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן פײַף און אויפגעוועקט אַלע שטילע, גאַסן. און איך האָב עס אַוועקגעשיקט אין דער אידישער צײַטונג „פרייהייט".
און אין עטלעכע טעג אַרום קריג איך אַ בריוועלע מיט זייער אַ שײנער האַנט־שריפט געשריבן. און מען שרײַבט מיר:

„טײַערער פרײַנט!
„אײַער דערצײלונג „דער ערשטער פײַף"
איז אונדז געפעלן. עס וועט זיין געדרוקט אין אונדזער צײַטונג.
„שרײַבט נאָך און שיקט אונדז צו.
„אײַער, „אַ ל ג י ן".

קינדער, דאָס איז געווען דער פריילעכסטער טאָג אין מײַן לעבן. איך האָב געפונען מײַן לערער!

און פון דעמאָלט אָן האָב איך געשריבן פאַר אײַך, קינדער, און פאַר אײַערע עלטערן. אָבער ניט אַלע געשיכטעלעך זײַנען אַרויסגעקומען אַזוי גוט, אַזוי שײן. פלעגט אַלגין איבערלײענען, און אַז עס איז אים ניט געפעלן, האָט ער מיך געלערנט: — אָט דאָ דאַרף מען איבערשרײַבן. אָט דאָ דאַרף מען אויסבעסערן!

און איך האָב זיך צוגעהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. איך האָב זייער פיל געלערנט פון אים. איך האָב דרײַ יאָר געאַרבעט באַטאָג אין אַ פאַבריק און אין אָוונט בין איך געגאַנגען זיך לערנען אין אַ שול. איך בין געוואָרן אַ לערער.

און שטענדיק, ווען מײַן לערער אַלגין האָט מיך געזען, ווען איך האָב געבראַכט אַ נײַע דערצײלונג אין דער

צײַטונג, האָט ער מיך געפרעגט, וואָס איך מאַך, ווי אַזוי איך לערן מיט די קינדער און געהײסן איבערגעבן אײַך, קינדער, אַ גרוס פון אים.

און איך האָב געוואָלט גײן אין די וועגן פון מײַן לערער, בין איך אויך אַרומגעפאָרן לערנען קינדער און גרויסע. איך בין געווען אין שיקאַגע, פילאַדעלפיע, דעטרויט, פעטערסאָן, פאַסעיק און אין פיל אַנדערע שטעט.

איך האָב געלײענט אַלצדינג, וואָס אַלגין האָט גע־שריבן, איך האָב זיך צוגעהערט צו די רעדעס, וואָס ער האָט געהאַלטן און איך האָב זײ אַרײנגענומען אין מײַן קאָפּ אַרײן. איך האָב אויך אָנגעהויבן האַלטן רעדעס פאַר עלטערן, איך האָב איבערדערצײלט, וואָס מײַן לערער האָט גערעדט און געשריבן . . .

צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן האָב איך אָנגעשריבן צוויי מײַסעס פון אידישע לערער. אײן מײַסע פון אַ לערער, וואָס האָט אַוועקגעגעבן זײַן לעבן צו ראַטעווען אַ שול מיט קינדער. און אַ צווײטע מײַסע פון אַ לערער, וואָס פלעגט אַרומגײן איבער דערפער און לײענען צײַטונגען און ביכלעך פאַר די פּויערים.

גײ איך דורך אויף שנעל לעבן צימערל, וואו אַלגין איז געזעסן און דיקטירט עפּעס צו זײַן סעקרעטאַרשע. איך האָב באַמערקט, אַז ער איז זײער פאַרנומען, וועל איך דאָך ניט צונעמען בײַ אים קײן צײַט, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט. האָט ער מיך דערזען און מיך אַרײַנגע־רופן. מיך אויסגעפרעגט מיט אַ שמײכל, וואָס איך מאַך, געהאַלטן מײַן האַנט אין זײַנער. מיך געפרעגט אויף אײַך, קינדער, וואָס איר מאַכט און ווי אַזוי איר לערנט זיך. ער האָט מיך באַקענט מיט זײַן סעקרעטאַרשע און מיר געזאָגט, אַז זי האָט זיך געלערנט אין אונדזערע אי־דישע שולן. מיר געוואונטשן דערפאַלג . . .

און מיטוואָך אינדערפרי, דעם 22־טן נאָוועמבער, 1939, איז ער געוואָרן זײער מיד פון זײַנע 61 יאָר לעבן: פון זײַנע איבער פערציק יאָר שווערער אַרבעט אַלס פאָלקס־לערער, פון שרײַבן, לײענען, רעדן און לערנען און ער האָט פאַרמאַכט זײַנע אויגן!

פון אַלע גאַסן און געסלעך האָט מען אָנגעהויבן צו לויפן; פון אַלע שטעט און שטעטלעך זײַנען אָנגעקומען בריוו; פון אַלע לענדער פון דער וועלט האָט מען זיך אָנגעפרעגט:

איז דאָס עמעס, אַז דער גרויסער פאָלקס־לערער אַלגין האָט פאַרמאַכט זײַנע אויגן?!

עמעס!

און מען האָט אים אַרײנגעלײגט אין אַ קאַסטן, אַרומ־

געשטעלט אַרום אים אַ וואַלד מיט בלומען. די בעסטע זין און טעכטער פון אַמעריקע; פון אידישן פאָלק, זיינען געשטאַנען לעבן אים, געוויינט איבער אים:

עפן צוריק דיינע אויגן!

און שטיל, מיט געמאָסטענע טריט, בין איך געגאַנגען, איך, זיין שילער, צוזאַמען מיט זיינע טויזנטער תּלמידים, אַ קוק־טאָן אויף אים אין זיין רו, און געשעפּטשעט: דער לערער האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן! מיר׳ן גיין אין זיי־נע וועגן!

מ. אָלגין אויף אַ באַזוך אין קעמפּ קינדערלאַנד

דרך־ארץ פאַרן פאָלק

„דרך־ארץ פאַרן פאָלק!

„ווער עס וויל אַרבעטן מיטן פאָלק אויף זיין וועג צום ליכ־טיגן לעבן, דער דאַרף האָבן דרך־ארץ פאַרן גייסט פון פאָלק, וואָס איז אַ גייסט פון סאָציאַלן יושר און באַפרייאונג. ווער עס וויל העלפן דעם פאָלק אַ שפּאַן־טאָן פאָראויס, דער דאַרף גלויבן אין די קעמפנדיגע קרעפטן פונעם פאָלק, אין זיין ווילן, אין זיין גרויסער קעמפערישער עקשנות.

„אין פאָלק ליגט אַ דראַנג צו פרייהייט, אַ דראַנג צו עקאָנאָ־מישער זיכערקייט, אַ דראַנג צו פאַרבעסערן זיין עקזיסטענץ, אַ דראַנג צו קולטור! . . .״

מ. אָלגין, „קולטור און פאָלק״

ביים בלעטערן דעם אלגין־אלבאם

צום צווייטן אלגין־יארצייט, נאוועמבער 22, 1941, האט די „מארגן־פרייהייט" ארויסגעגעבן אן אלגין־אלבאם. דאס איז א מין רייכער „קיצור משה אלגין". איר בלעטערט די צוויי־זייטיגע אלבאם־זייטן און איר זעט פאר זיך אן אוצר פון קאמף־געשיכטע פון ביידע זייטן ים.

אויף יעדן בלאט זעט איר אלגינ'ען רעדן, דערציילן, מאלן. ער מאלט אויף פאר אונז א שיינע פרייע וועלט.

דער אמת'ער נאמען זיינער איז געווען משה־יוסף נאוואמיסקי. געבוירן דעם 24טן מערץ, 1878, אין א דארף, אין קיעווער גובערניע. צו פופצן יאר איז ער שוין געווארן א לערער.

ער איז געווען א געלערנטער, א שפראכן־קענער, דורך טורמעס נעפויניגט; א גרויסער שרייבער, א גלענצנדער רעדנער. ער איז געווארן דער לערער פון פאלק אויף זיין גאנצן לעבן ביז זיין לעצטן טאג, דעם 22טן נאוועמבער, 1939.

די פאטאגראפיעס אין דעם אלבאם דערציילן אייך פון זיין גייסטיג־רייכן לעבן. בילד־נאך־בילד דערציילט א מעשה: אלגין רעדט אויף דער פייערונג פון זיין 60סטן געבורטסטאג, שבת, דעם 4טן יוני, 1938, אין ניו־יארקער היפאדראם; אלגין מיט א גרופע טוריסטן אין קעלן, דייטשלאנד, אין 1914; אלגין מיט א גרופע דעלעגאטן אויף דער קאנווענשאן פונ'ם ארבעטער־רינג אין מאי, 1922, אין טאראנטא, קאנאדע; אלגין אויף א באזוך אין קעמפ „קינדערלאנד" דעם 2טן יולי, 1939; מיט די ארבעטלאזע אין הונגער־מארש — פאטאגראפיע פונ'ם קארטל, וואס דער קאונסיל פון ארבעטלאזע האט ארויסגעגעבן אלגינ'ען צו באטייליגן זיך אין נאציאנאלן הונגער־מארש אויף וואשינגטאן אין דעצ. 1932; אלגין האלט א רעדע אין א מאסקווער קלוב בעת זיינעם א באזוך אין סאוועטן־פארבאנד; אלגינ'ס ארבעט־צימער אין זיין לעצטער וואוינונג, 35 איסט 9טע גאס, נ. י.; דער קערפער פון מ. אלגין איינגעהילט אין א וואלד פון קרענץ־בלומען.

בילדער פונ'ם טרויער־מיטינג, זונטאג, דעם 26טן נאוו. 1939, אין ראיאל ווינדזאר האל, ניו־יארק: אויף דער וואך ביים ארון שטייען צווישן אנדערע; פ. יודיטש, מיני הארקאווי, לואי הארקאווי, עלא ריוו־בלור, איזראעל אמטער, פ. נאוויק און משה כץ. דאס פאלק באגלייט זיין פירער צו אייביגער רו. די ריזיגע פראצעסיע הינטער'ן ארון.

בילדער נאך בילדער: אלגין אלס יונגערמאן; אלגין ביים רעדאקציע־טיש; אלגין און קלמן מרמר; אלגינ'ס ירושה־טשעק $11.73; אויפ'ן ערשטן אלגין־מעמאריאל־מיטינג, דעם 18טן דעצ., 1939, אין מעדיסאן סקווער גארדן; ביי דער אויפדעקונג פונ'ם אלגין־מאנומענט, זונטאג, דעם 19טן אקט. 1941; דער אלגין־צאם אויפ'ן בית־עולם; אלגין אין די פערציגער; אלגין און נאוויק אין רעדאקציע ביי דער ארבעט; אלגין און ר. זאלצמאן ביים אלגין־באנקעט, דעם 14טן מאי, 1939; דער גרויסער עולם אויפ'ן מעמאריאל־מיטינג פון אלגינ'ס צווייטן יארצייט, דעם 23טן נאוו. 1941, אין קאסמאפאליטאן אפערע הויז; אלגינ'ס פערלדיגע האנטשריפט.

דרייצן זייטן מיט נעמען פון מענטשן, וואס האבן געהאלפן ארויסגעבן דעם אלבאם.

דער אלבאם איז אנגעפילט מיט פראזע, פאעזיע און זשורנאליסטיק פון און וועגן מ' אלגין: די ביאגראפיע פון מ. אלגין; „עס שלאגט, עס שלאגט דאס הארץ פון פאלק" (פון

דאָס פאָלק באַגלייט זיין פירער צו אייביגער רו

דער פּאָעמע „משה אַלגין" פון אהרן קורץ; „רו זיך אָפּ, חבר" (שטייענדיג ביי אַלגינ'ס אָרון) פון משה כץ. „די שבועה" פון ל. מילער:

„דאָס איז ער,
וואָס זיינע לעבנס־טעג האָט ער פאַראייניגט
מיט די לעבנס פון מיליאָנען, געגן
דעם וואָס הערשט און קעניגט.
ס'איז רוף זיין וואָרט געווען און
זיינע רייד —
דאָס פלאַטערן פון פאָנען;
דאָס האָט ער געלערנט דעם, וואָס
האָט פון לעבן ווייניג,
ער זאָל פאָדערן און מאָנען".

(פון ל. מילער'ס ליד).

און אָט קומט באַלד דאָס באַרימט־געוואָרענע ליד פון מ. א. (יורי) סול „מיר זאָגן־צו". צום ליד האָט דער ניט־לאַנג־צוריק פאַרשטאָרבענער קאָמפּאָזיטאָר־דיריגענט מאַקס העלפּמאַן געשאַפן מוזיק, און דאָס ליד איז אַריין אין אוצר פון געזאַנג־שאַפונגען פון „אידישן מוזיק־פאַרבאַנד":

„די פאָן פון קאַמף, וואָס דו האָסט
הויך געטראָגן,
וועלן מיר טראָגן שטאָלץ אַזוי
ווי דו,
ביז וואַנען עס וועט די פרייהייטס־
שעה ניט שלאָגן,
וועלן מיר ניט וויסן פון קיין רו,
מיר זאָגן־צו, מיר זאָגן־צו!

העלפּמאַנ'ס ליד „מיר זאָגן־צו" ווערט געזונגען צו יעדן אַלגין־מעמאָריאַל און ביי אַנדערע געלעגנהייטן דורך אַלע כאָרן איבער'ן לאַנד.

באַלד נאָכדעם קומט אַלגינ'ס קלאַסישע דערציילונג „געלעבט — געקעמפּט", געשריבן אין דער לוקישקער־ווילנער טורמע אין 1904. דאָס איז אַ דערציילונג־פּראָגראַם אָנגעצייכנט פאַר אַלע פרייהייט־קעמפער, אַ דערציילונג־מאָנומענט פאַר אַלגינ'ען און אַלע געמאַטערטע קעמפער אין די טורמעס. „געלעבט — געקעמפּט" איז פיל מאָל דראַמאַטיזירט געוואָרן און דורכגעפירט געוואָרן אויף דער בינע.

און אָט איז באַווער־פּאַווער'ס פאָלקסטימלעך „שומר, מה מליל?"... געשריבן צו אַלגינ'ס ערשטן יאָרצייט: „און אַז ס'איז שוין געווען נאָכאַלעמען, און אַז דער גרויסער פי־

דער פון זיין דור האָט זיך שוין אומגעקערט צו זיינע אבות, און אַז דאָס געטרייע האַרץ פון די אידישע פאָלקסמאַסן איז שוין פאַרגאַנגען, איז שוין געוואָרן פינצטער איבער'ן פעלד, נאָך אין דער ווייטקייט פון הימל, און אין דער ווייטקייט פון דער ערד — די לעצטע ליטערע, דורכזיכטיגע שטראַלענדיגקייט פון טאָג... שומר מה מיום ומה מליל — „שומר אונזערער געטרייער, וואָס דערציילט אַזוינס די נאַכט?"...

אין אוצר פונ'ם „אַלגין־אַלבאָם" גייען צווישן אַנדערן אַריין: אַן אַרטיקל פון אידיש־אַמעריקאַנער בעלעטריסט און זשורנאַליסט וו. דזש. דזשעראָם אויף ענגליש; „שוועסטער"; אַ בילד געווידמעט די ניו־יאָרקער דרעסמאַכערינס, פון מ. אַלגין; אַ צעטל פון אַלגינ'ס ליטעראַרישער ירושה: אידיש: „ווען דאָס רופט", („ווען קייטן קלינגען"), „אין וועלט פון געזאַנגען", „מיין שטעטל אין אוקראַינע", „פון מיין טאָג־בוך", „האַווילע און יואל", „צעבראָכענע גראַטעס", „טראָצקיזם", 50 בראָשורן, ברעסטאָמאַטיע „דאָס אידישע וואָרט";

איבערזעצט פון העברעאיש צוויי בענד מענדעלע מוכר ספרים; פון פויליש — דערציילונגען פון עליזאַ

אָרזשעשקאָוואַ; פון דייטש — פאָפּ „יוגנט — געשיכטע פון אַן אַרבעטערין"; פון רוסיש — יושקעוויטש'עס „הונגער", אַנדרעיעוו'ס „קעניג הונגער", „זיבן געהאָנגענע", „דער געדאַנק", טאָלסטאָי'ס „דער לעבעדיגער מת"; פון ענגליש — דזשעק לאָנדאָנ'ס „די שטים פון בלוט", דזשאָן רידס „צען טעג, וואָס האָבן אויפגערודערט די וועלט". איבערזעצונגען אין ענגליש: פון דייטש — ענגעלס'עס „דער פויערים־קריג אין דייטשלאַנד"; פון רוסיש — לענינ'ס געזאַמלטע ווערק, בענד 18, 19, 20, 21.

העכער זעקס טויזנט אַרטיקלען אויף עטלעכע שפּראַכן. אויף ענגליש: „די סאָול אָוו די ראָשיען רעוואָלושאָן" (איבערזעצט אויף אידיש פון מ. אָשעראָוויטש), „גאָרקי — ראַיטער ענד רעוואָלושיאָניסט", א. אַנד. (נאָך אַלגינ'ס טויט זיינען דערשינען אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַן אַריינפיר פון פּ. נאָוויק: „1905", „אַמעריקע", „סאָוועטן־פאַרבאַנד" און „קולטור־און־פאָלק").

דאָס שלוס־וואָרט אין דעם „אַלגין־אַלבאָם" האָט דער „מאָרגן־פרייהייט" רעדאַקטאָר, פּ. נאָוויק: „דאָס גרויסע טרייסט־וואָרט: אַלגין": „היינט לעבן מיר צוזאַמען מיט אונזער אַלגינ'ען. ניט נאָר היינט, מיר פילן אים אַרום אונז און אין אונז די קראַפט פון אַלגינען אין די איצטיגע שווערע טעג... ס'וועט קומען ליכט, ס'וועט קומען אמת... זיי שטאַרק, מיין פאָלק...

„אַלגינ'ס ווערטער, טרייסט־ווערטער, ווערטער פון אַ געטרייען וועכטער — אַ זעער, אַ טרוימער, אַ וואָרזאָגער. גייען מיר היינט שעפּן כוח ביי אונזער גרויסן אָפּטימיסט!..."

מיר נויטיגן זיך איצט אין אַלגינ'ס וואָרט אויף אידיש און אויף ענגליש. אַלגינ'ס ביכער זיינען כמעט אויספאַרקויפט. דער „אַלגין־אַלבאָם" איז אַ יקר־המציאות. דער אַלגין־אַלבאָם דאַרף זיך געפינען אין יעדן פּראָגרעסיוון אידישן הויז אויף אידיש און אויף ענגליש. איך וואָלט פאָרגעשלאָגן, אַז אַלגינ'ס פאַרערער און תלמידים זאָלן שאַפן אַ פאָנד אַרויסצוגעבן אַלגינ'ס ליטעראַרישע ירושה אין אַ פּאָפּולערער אויסגאַבע, און קודם־כל — דעם „אַלגין־אַלבאָם".

אַלגינ'ס פערלדיגע האַנטשריפט



אהרן קורצ'ס פּאָעמע וועגן מ. אַלגין'ען

„בראשית — פון אָנהויב איז געווען הירשקע לעקערט —
פון אָנהויב און פון אייביק און פון אַלעמאָל.
פריער — פויער, פּאַסטעך, העקער
און שפּעטער — שוסטער, שלאָסער, רויטאַרמייער — מיט דיין קול.
און פון בראשית אָן
איז דאָס דער מענטש — ביז דיר. (אַלגין)
איבער אַלע ימ'ען פון אַלע קאָנטינענטן קומט ער אָן
פון זיין וויטאָג און פון מאַרקס'עס וואָרט,
פון לענינ'ס טאַט און פון דיין האַנט געפירט".

דאָס איז אַ ציטאַטע פון דער גרויסער פּאָעמע פון אהרן קורץ, „משה אַלגין" (זייט 12). די גאַנצע פּאָעמע, וואָס פאַרנעמט 15 זייטן פון גרויטן אַלבאָם־פאָרמאַט איז געשאַפן געוואָרן גלייך נאָך אַלגינ'ס טויט און פאַרענדיקט געוואָרן דעם זיבעטן דעצעמבער, 1939.

ווען איר לייענט איצט די שורות, דאַכט זיך אייך, אַז דער פיל־באַגאַבטער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער דיכטער, האָט זי ערשט, ניט־לאַנג צוריק, פאַרטראַכט און באַשאַפן. דאָס איז איינס פון זיינע ווערק, וואָס ער האָט אונז איבערגעלאָזט בירושה.

אהרן קורצ'ס פּאָעמע איז אַ דיכטערישע ביאָגראַפיע פון אַלגינ'ס לעבן און שאַפן. קורץ הויבט אָן פון לעצטן טאָג:

„ניו־יאָרק באַגלייט זיין פאָלקס־מאַרטירער,
זיין זון, זיין קעמפער און זיין העלד.
זיין מוט, זיין וואָרט וועט אייביק בלייבן פירער —
ווייַנט און זינגט מיט דער פּראָצעסיע די וועלט.
עס וויינט אין מיר דער טרויער־מאַרש,
עס וויינט אין גאַנצן פאָלק:
עס שלאָגט ניט מער דאָס גרויסע האַרץ,
עס הילכט ניט מער זיין קול".

און דער דיכטער גייט צוריק צו אַלגינ'ס שאַפונגען, צו זיינע בייטראָגן פאַר'ן אַרבעטער־קלאַס, פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסן, פאַר'ן פאָלק. אַמאָל קומט ער מיט זיין דערציילערישן, באַטראַכטנדיקן טאָן:

שלום־עליכם ט'אונז געלערנט האַרציק לאַכן,
און ער — זיך פרייען דורך זיין גלויבן;
זיי ביידע וואָרצלען טיפער פון בית־עולם פלאַכן
און גרייכן העכער פון הימלדיגסטן אויבן.

אין ווייִנענדיקן ווינט־געפלאַטער
זינגט די פאָן זיינע די רויטע,
ער איז ניט געשטאָרבן, ער איז בלויז פאַרמאַטערט:
אין קברים אונטער אונזער פאָן
רוען ניט קיין טויטע".

און אַמאָל קומט קורץ מיט זיין דערקלאַמאַטאָרישן טאָן:

„עס שלאָגט, עס שלאָגט דאָס האַרץ

פון פאָלק,
און קיינער קען ניט אָפּשטעלן דאָס
הארץ:
דאָס פאָלק רעדט מיט זיין קול
און מיט זיינע טריט גייט ער אין
דעם מאַרש".

און אָט קומען שורות, וואָס פּאַסן זיך אַריין אין דער גרויסער פאָלקס־פייערונג „הונדערט יאָר מאָדערנע אידישע ליטעראַטור". קורץ שרייבט:

„עס וויינט דאָס האַרץ אויף זיידע
מענדעלע'ס צערטלען
יעדן אות, וואָס האָט געקוועלט
מיט ליבשאַפט צו פישקע'ס
טרוים
ס'פלאַמט דאָס פּנים פאַר דער
שפּראַך פון טביה'ס ווערטלעך
און פאַר'ן צער פון באָנצע'ס פּור־
טערבולקע חלום אין הימלדיגן
רוים".

אהרן קורץ האָט מיט זיין פּאָעמע אויסגעקריצט אַן אייביגע, אַ מין אָל־גיניש־נביא'ישע, צען־געבאָטן־לוחות'־דיגע פּראָגראַם פאַר מיר, פאַר אייך, פאַר יעדן אָרנטלעכן פּראָגרעסיוון קעמפער; פאַר „דעם דור וואָס האָט פאַרלוירן די מורא" (משה כץ); פאַר דעם דור פון בויער:

„ס'האָט אַ מענטש איין לעבן
בלויז
און וועלן וואָלט ער לעבן אייביג־
קייטן,
איז אייביג דער, וואָס בייט זיין
לעבן אויס
אויף גליק פון דורות פון שפּעטער־
דיגע צייטן.
וואָס איז אַ ברייט האַרץ?
אַ גרויסער מענטש — וואָס איז?
גרויס איז דער, וועמען אַלץ אין
לעבן אַרט, —
דעם מענטשנ'ס האַרץ־ווייטאָג, ווי
זיינע באָרוועסע פיס.
אַזאַ ביזטו געווען. (אָלגין)

יעדע רגע פונ'ם לעבן האָסטו ליב
געהאַט.
און ווען און וואו מען האָט דיך
נאָר געזען
ביזטו געווען דער גרויסער פרייער
דעמאָקראַט".

און איינזאַפּנדיג דאָס דערהויבנדי־גע געזאָגט־און־געזונגען־וואָרט פון אהרן קורץ קוק איך אויף אָלגינ'ס בילד, וואָס דערשיינט יעדן טאָג אין דער „מאָרגן־פרייהייט", שוין באַלד פופציג יאָר, אַז איך גיי נאָך די טריט און נאָכ'ן וואָרט פון אונזער אָל־גינ'ען. און מיר דאַכט, אַז אייביג וועלן קלינגען אין מיינע אויערן די נביא'ישע טענער:

„האזינו — הערט —
ימ'ען, טייכן, וועלדער, פעלדער,
בערג און טאָלן
הימל און ערד:
איר מוזט, איר וועט מיין נאָמען
און מיין וואָרט פאַרנעמען
פון היינט אָן און ווייטער.
כ'בין גרויס געוואָרן, און איך וויל
זיך מיט מיין נאָמען ניט שעמען.
כ'בין גרויס, כ'בין גרייט,
כ'האָב זיך אין פייערן
געליטערט —
און מיין רוף איז — אַ וועלטישער
קעסלפויק,
און מיין רוף איז —
אַ פעלדישע פאָלקישע פליוט".

אָט די „פאָלקישע פליוט", אָט־דער אָלגין־מאָנומענט איז די „מאָרגן־פרייהייט".

בויט און פאַרשענערט און פאַרבעסערט און פאַרגרעסערט און באַרויבערט די „מאָרגן־פרייהייט" מיט ליבע, מיט שטאָלץ, מיט גרייטקייט, מיט לייב־און־לעבן!

„קינדערלאַנד־אַלבאָם"
אַ ביכל 50 סענט, 4 פאַר 1 דאָלאַר
S. DAVIDMAN
3110 Brighton 3rd. St.
B'klyn, N. Y. 11235

אילוסטרירטע
פאַרלייען־ביכלעך
פון שלמה דאַווידמאַן
„ברידער און שוועסטער"

אַלגין רעדט צו דער אידישער יוגנט

„ . . . און עס וועט קומען אַ צייט, ווען איין וועג וועט לויפן איבער דער גאַנצער ערד; בריקן וועלן אַריבערגעלייגט ווערן אי־בער ימים; אַלע פעלקער וועלן ווערן פריי פון עקאָנאָמישן יאָך, — דעמאָלט וועט זיך אָנהויבן די מלחמה פון קולטורן !...״

שטייט אַזוי אַלגין און עס פליסן פון אים נביא׳ישע ווערטער. ניין, ער שטייט ניט, ער וויגט זיך, ער בויגט זיך און הויבט זיך מיט זיין גאַנצן קערפער; אַ פייערל שטראַלט אַרויס פון זיינע אויגן; מיט די הענט, ווי מיט פּינזלען, מאָלט ער, פירט ער; מיט די פינגער, אָנגעצילט, ווייזט ער אָן אַזוי גענוי, ווי אַזוי די נאָענטע צוקונפט וועט אויסזען . . .

דאָס דערציילט אַלגין אַ מעשה וועגן אַ שיינער גרויסער ליכ־טיגער וועלט. דאָס רעדט ער צו דער דעטראָיטער יוגנט אין 1932, ווען די וועלט איז געלעגן אַ האַלב־פּאַר׳חלש׳טע; מיליאָנען אַר־בעטלאָזע האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער שטעט און לענדער און אָנגעבאָטן הענט, נאָר קיין אַרבעט איז ניט געווען . . .

אין אַרבעטער־קלוב־צענטער אויף אָוקלאַנד גאַס, אין גרויסן זאַל, זיצן די מיטלשוליקעס פון דער דעטראָיטער אידישער מיטל־שול: אָט זיצט דער גרויסער ברוך, וואָס האָט געשריבן אידישע לידער. אָט זיצט נתן, דער געפּאַקטער, פריילעכער נתן, וואָס האָט גערעדט אַזאַ פליסיגן אידיש, אַז אַלע האָבן אים מקנא געווען. דאַכט זיך, אַזאַ קליינער יאַט און רעדט שוין אַזאַ ג ר ו י ס ן אידיש. און אָט זיצט די קלוגע יאַלאַ, דעם דיכטערס טאָכטער, וואָס איז אַזוי יונג שוין געוואָרן אַ דערוואַקסענער מענטש. און אָט זיצן די ווינדזאָרער שרה און אברהם. שרה איז געוואָרן אַ לע־רערין אין בירא־בידזשאַן און אברהם איז געוואָרן דאָרטן אַן אינ־זשיניער. און הילדע, און ביטרים, און דוד און נאָך און נאָך גע־ראָטענע יונגע זין און טעכטער פון דעטראָיט.

די גאַנצע שטיפערישקייט האָט זיך מיטאַמאָל ביי זיי איצט אָפּגעטאָן. זיי זיצן מיט גרויסע גלעזערנע אויסגעשטעלטע אויגן, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און הערן זיך צו צו אַלגינס רייד. מען ה ע ר ט ווי זיי ה ע ר ן זיך איין. און עס דאַכט זיך, אַז יע־דעס וואָרט, וואָס אַלגין לאָזט אַרויס פון זיין מויל, גיסט זיך אַריין אין זייערע מוחות, אין זייערע הערצער, מיט טענער פון אַ וואונ־דער־סימפאָניע.

און אַלגין אַליין ווערט וואָס אַמאָל מער באַגייסטערט פון דער יוגנט: ער גייט אַריין אין אַ העכערן עקסטאַז. זיינע ווערטער ווערן פייערדיגער און קלינגענדיגער. זיינע בילדער ווערן היי־ליגער, נביא׳ישער. עס הויבט אָן רוען אויף אים אַ שכינה. און די שכינה צעשטראַלט זיך, צעשפּרייט זיך איבערן זאַל. אַלגין באַהעפט זיך מיט דער נייער אידישער יוגנט.

„אויך דאָרטן, אין אַלטן רוסלאַנד, איז געווען אַזאַ יוגנט, די שטודירנדיגע אידישע יוגנט, וואָס האָט געזוכט דעם וועג צו ליכט און פרייהייט; וואָס האָט געוואָלט עפענען די פאַרקרעמפּעוועטע שלעסער צום גליק פון דער וועלט, פון דער מענטשהייט און פון דעם אידישן פאָלק. זיינען זיי, די אידישע יוגנטלעכע, אַוועק צום אַרבעטער אין וואַרשטאַט, צום פויער אין פעלד, צום האַרעפּאַש־ניק אויפן מאַרק. זיי האָבן זיך אויסגעמישט, זיי האָבן זיך איינ־געוועבט אין פאָלק. זיי האָבן געליטן צוזאַמען מיט פאָלק. מען האָט זיי געפייניגט, פאַרהונגערט, געשמידט אין קייטן, אין ווייטע געגענטן פאַרשיקט. זיי האָבן זיך געגרייט, צוזאַמען מיטן פאָלק, צו באַגעגענען דעם ליכטיגן טאָג. און דער ליכטיגער טאָג איז געקומען. דער טאָג איז געווען דער זיבעטער נאָוועמבער, 1917 !“...

ס'האָט אַלגין נאָכאַמאָל איבערגעלעבט זיין יוגנט. ס'האָט אַלגין נאָכאַמאָל זיך דערפילט, אַז ער איז יונג און ער הויבט אָן אויפדאָסניי וועבן אַ שיינעם חלום אין אַמעריקע, צווישן דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט, ווי ער האָט עס געטאָן אין אַלטן רוסלאַנד . . .

און ביי די ברעגן פון דעם האַלב-טונקעלען זאַל אויף אָקלאַנד גאַס זיינען געשטאַנען טאַטעס אַנגעשפּאַרט צו דער וואַנט. עס זיינען אפשר געשטאַנען די טאַטעס, וואָס האָבן געהערט אַלגינען דערציילן דאָס שיינע מעשה'לע פון אַ פרייער וועלט נאָך אין דער אַלטער היים. און ביי די זייטן זיינען געזעסן די מאַמעס, די דע־טראָיטער שול-מאַמעס, וואָס האָבן אַזוי פיל מי און צייט אַוועק־געגעבן צו בויען די אידישע שולן, צו דערציען אַ שיינע אידישע פּראָגרעסיווע יוגנט.

און אָט-די מאַמעס האָבן אַרויפגעקוקט צו אַלגינ'ען, צום לערער פון די לערער, צום גרויסן פאָלקס-לערער, און אים געבעטן מיט פרומע געבעט-אויגן: „טייערער אַלגין, רעד אַריין טיף אין די הערצער פון אונזערע זין און טעכטער; בלאָז אַריין די פונקען פון דיין פייער, וואָס גייט, ווי דער עמוד-האש, דער פייער־זייל, פאַראויס פון דעם פאָלק און ווייזט דעם וועג צו ליכטיקייט. זאָל אונזער יוגנט אויסוואַקסן אָן ערלעכע, אַ געטרייע, אַן איבערגע־געבענע, אַ גרייטע זיך מקריב צו זיין פאַרן פאָלק! . . . ״

און אַלגין האָט דערקענט זייער געבעט, דאָס געבעט פון די טייערע דעטראָיטער מאַמעס, ער האָט דערפילט זייערע בליקן און ער האָט גערעדט און גערעדט, דערציילט און דערציילט, גע־מאָלן און געשאַפן אַזאַ שיינע וועלט פאַר דער צוקונפט פון דער יוגנט אין אַמעריקע . . .

. . . ס'האָבן אידישע יוגנטלעכע פון דעטראָיט, ווי יאָסל באָסל און אַנדערע, אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס אין דעם קאַמף פאַר פריי־הייט. עס האָט דער יוגנטלעכער ראובן איידין אַוועקגעגעבן זיין לעבן אויף די סאָלאָמאָן-אינזלען. עס שטייען איצט, אין 1942, אין די שלאַכטן אונזערע יונגע זין אין אַלע טיילן פון דער וועלט און

פירן אַ הייסן געפעכט פאַר דער פרייהייט פון דעם אידישן פאָלק, פאַר דער פרייהייט פון דער גאַנצער מענטשהייט . . .

. . . ס׳האָט העברי וואָלאַס געזעדט מיט מאָלאָטאָוון וועגן דעם גרויסן פרייען וועלט-וועג, וואָס וועט זיך ציען איבער אַלע טיילן פון דער ערד און פאַראייניקן די לענדער און פעלקער . . .

דערמאָנט זיך איצט, צום דריטן יאָרצייט פון אונזער גרויסן פירער און לערער, אַז איינע פון די מאַמעס, וואָס איז דאָרטן געזעסן און געהערט אַלגינס צויבער-מעשה, צו דער יוגנט, פון אַ ליכטיגער שיינער וועלט פון מאָרגן, און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן; אָט-די ליכטיגע דעטראָיטער מאַמע שרה, נתנ׳ס מאַמע, וואָס האָט איר לעבן אוועקגעגעבן פאַר די אידישע קינדער-שולן, אָט די שרה, וואָס האָט אין זיך די לעגענדאַרישע גוטסקייט און הייליקייט פון אונזער מוטער שרה, פון די הייליגע מאַמעס, — האָט געזאָגט און זיך דערביי געווישט די טרערן, געשעפטשעט שטיל, ווי אַ תפילה:

„איר ווייסט: ווען איך ווייס ניט, אַז ס׳איז משה אַלגין, וואָלט איך געמיינט, אַז ס׳שטייט אַ וואונדער-מענטש אויף דער בינע, אַ מין נביא, און ער ברענגט אַראָפּ נייע לוחות פאַר דעם פאָלק. און ער רעדט די רייד פון די אַלטע נביאים: „והיה באחרית הימים״ — און עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע מענטשן וועלן זיין פריי און מען וועט לעבן אין אַ ליכטיגער שיינער וועלט!...״

— ניין, ניין, טייערע מאַמע שרה, עס דאַכט זיך אייך ניט, ס׳איז זיכער אַזוי. דאָס איז אַ מאָדערנער נביא, דער נביא משה אַלגין, וואָס וועט בלייבן אייביג אין די הערצער פון דעם פאָלק. אייביג, אייביג וועלן זיך געדענקען די ווערטער, די נביא׳ישע רייד, די צויבערדיגע מעשה׳לעך פון אַ שיינער ליכטיגער וועלט פון דעם נביא משה אַלגין! . . .

שלוימע דאַווידמאַן

שלוימע דאַווידמאַן (פּראָלעטאַרישער לערער), אויטאָר פון צאָלרייכע מאָמענט-פאָטאָגראַפיעס, בילדער, עסקיזן, דראַמאַטישע עטיודן, כאַראַקטעריסטיקן פון טאָג-טעגלעכע געשעענישן, איז זייער גוט צוגעפּאַסט פאַר בעלעטריסטישן רעפּאָרטאַזש. זיינע טעמעס זיינען — די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער-באַוועגונג אין אַלע אירע פאַזן. אַליין אַ טוער אין דער ארבעטער-באוועגונג, קען ער אלע אירע פּראָבלעמען און שילדערט זיי גערן אין האלב-בעלעטריסטישער פאָרמע. זיין שפּראַך איז קלאָר, האַגאַם ניט זייער רייך; זיין צוגאנג איז אַן איינפאכער און דירעקטער. אין זיין שרייבן איז דאָ א געוויסע ווארעמקייט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן קולטיווירן דעם דאָזיקן סאָרט רעפּאָרטאזש, וואָס דארף זיין אַ וויכטיקער אינטעגראַלער טייל פון אונדזער פּראָלעטארישער ליטעראטור. דאווידמאן האָט אויך א סאך געשריבן פאר קינדער. מ. אָלגין, „דער האַמער״, מערץ-אַפּריל, 1931.

„אונזער אַלגין קלייבט פּערל!"

. . . „ש-ש-ש, זאָל זיין שטיל! אַלגין שרייבט!..."

אַזוי זאָגט מען אַן יעדן אַריינקומענדיגן קלוב-מיטגליד.

דאָס קומען די מיטגלידער, וואָס האָבן זיך שוין אָפּגעפּאַר־טיגט מיט דער וועטשערע. זיי קומען אַביסל פריער אין קלוב אַריין. זיי ווילן כאַפּן אַ שמועס, שפּילן אַ דאָמינאָ, זיך אַביסל אָפּ־רוען און פאַרווײלן, ביז די לעקציע וועט זיך אָנהויבן.

שוין אַריבער אַ וואָך צייט, אַז מען האָט זיך געגרייט אין שטאָט צו אַלגינס לעקציע. עס ווייסן די אַרבעטער און האָרע־פּאַשניקעס פון קלוב, אַז פון אַלגינען וועלן זיי עפּעס לערנען. זייערע אויגן גלאַנצן. זיי פרייען זיך שוין. זיי ווייסן, אַז זיי וועלן זיצן ווי פאַרגליווערטע אין זאַל און זיך צוהערן צו די רייד פון זייער אַלגינען. עס וועלן זיך גיסן די רייד, פליסיק און דערקוויקנ־דיג, ווי דאָס וואַסער פון אַ קוואַל.

נאָר אַז מ. אַלגין וועט קומען פ אַ ר דער לעקציע אין קלוב אַריין און זיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקל ביי אַ טישעלע שרייבן, — דאָס האָבן זיי ניט געוואוסט. קוקן זיי טאַקע אין אַלגינס ווינקל איצט. זיי זעען ווי ער זיצט ביים טישל און שרייבט. ער זיצט אַביסל מיט אַ זייט. מען זעט בלויז זיין פּראָפיל. אינגאַנצן מיט די פּלייצעס צו די מיטגלידער, וויל ער ניט זיצן, ער זאָל זיי ניט באַליידיגן. מיטן פּנים צו די זיצנדיגע פריינט, קען ער איצט ניט זיצן, זיי זאָלן אים ניט שטערן אין דעם שרייבן.

די קלוב־מענטשן לייענען אַלצדינג, וואָס אַלגין שרייבט, נאָר זיי האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען אַלגינען זיצן און שרייבן. לויטן צוקן פון דעם רעכטן אַקסל, לויטן פירן מיט דער פּען, לויטן ערנסטן אַריינקוקן אין זיין געשריבענעם בלעטל; לויטן רוקן זיך פון דער האַנט פון אָרט צו אָרט, — דערקענען זיי אַלגינס שיינעם ריטם. זיי האָבן ערגעץ געזען אַלגינס האַנטשריפט: אַזאַ מין פּערלדיגער כתב־יד.

„אונזער אַלגין קלייבט פּערל!" — שושקעט איינער אַריין דעם צווייטן אין אויער אַריין.

דער צווייטער פאַרטרויט דעם ערשטן צוריק אויפן אויער:

„און מיר דאַכט זיך, אַז ער לייגט עפּעס דאָרטן אַ ציגל אויף אַ ציגל, גלייך אויסגעלייגט, ווי דער בויער בויט אַ הויז, און עס וואַקסט ביי אים שורה נאָך שורה. זעט ווי ער האָט שוין אָנגע־שריבן עטלעכע בויגנס. און אין עטלעכע טעג אַרום וועלן מיר עס לייענען אין דער „מאָרגן־פרייהייט"...

פּלוצים עפנט זיך די טיר זייער האַסטיג, אַזוי האַסטיג, אַז אַלגין רייסט אַוועק זיינע אויגן פון זיין שרייבן און שטעלט זיי אָן אויף דער טיר. עס קומט אַריין אַ פרוי, אַ מיטלוואוקסיגע, אַ

חנ׳עוודיגע, אַ ברונעטע, מיט אַ שיין פּנים, נאָר די נאָז איז ביי איר איצט אַ ברוגז׳ע. אויף אימיצן איז זי ברייז; אויף אימיצן איז זי אין כּעס. זי וואַרפט אַ בייזן בליק אויף די עטלעכע פאַרזאַמלטע מענטשן. די פאַרזאַמלטע זיינען אויף איר איצט זייער ברוגז, וואָס זי איז איצט אַזוי האַסטיג אַריינגעקומען, און וואָס זי קוקט אַזוי אויף יעדן איינעם זייער בייז, ווייל זי האָט זיי איבערגעשלאָגן דעם פאַרגעניגן צו זען ווי אַזוי אַלגין שרייבט. אַלע קענען איר דאָ, נאָר מען וועט איר איצט גאָרניט זאָגן, ווייל אַלגין זיצט איצט דאָ.

מיטאָמאָל גיט זי זיך אַ לאָז צו צו אַלגינ׳ען, זי שטעלט זיך אַוועק לעבן אים, זי וויל אים עפּעס זאָגן, נאָר זי קען ניט. עס הייבן איר אָן שטיקן די טרערן און זי צעוויינט זיך. אַלגין ווערט גערירט. ער שטעלט זיך אויף, רוקט צו אַ בענקל צו דער פרוי. ער בעט איר, אַז זי זאָל זיך אַוועקזעצן, ער בעט זי, אַז זי זאָל אויסווישן די אויגן און ער רעדט צו איר:

„מיר טאָרן ניט וויינען. זייער זעלטן וויינען מיר. מיר מוזן זיין שטאַרק. מיר מוזן זיין פאַרהאַרטעוועט. מיר דאַרפן זיך אויסלערנען אַלעס איבערטראָגן. מיר זיינען דער אַוואַנגאַרד. ס׳איז פאַר אונז ניט שיין צו וויינען. דערציילט, דערציילט, וואָס ס׳איז מיט אייך עפּעס געשען? !״

די פרוי נעמט אַרויס אַ טיכעלע און ווישט זיך אויס די טרערן. זי קוקט אויף די קלוב-מיטגלידער, וואָס זיצן פונדערווייטנס און שטויסן זיך שוין אָן וועגן וואָס זי וויל דערציילן אַלגינ׳ען. פון אַלגינ׳ס קוק און אַלגינ׳ס ווערטער איז איר שוין געוואָרן גרינגער אַביסל. זי הויבט אָן דערציילן אַלגינ׳ען וועגן דעם, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט:

„ס׳איז אַ לאַנגע מעשה, פריינט אַלגין, — פאַנגט זי אָן, — נאָר איך וועל ביי אייך ניט צונעמען קיין צופיל צייט. אייער צייט איז דאָך אַזוי טייער פאַר אונז... איך בין אַ פּשוט שאַפּ-מיידל, נאָר איך האָב ליב מיינע אָרגאַניזאַציעס: מיין יוניאָן, מיין קינ-דער-שול און מיין קלוב. איך טו אַזוי פיל אַרבעט, וויפיל איך האָב צייט. איך האָב ליב צו פאַרקויפן ביכער און זשורנאַלן. איין מאָל אַ וואָך פאַר איך גלייך פון שאַפּ אין אונזער בוך-געשעפט און קויף איין די ביכער פאַר מיין אָרגאַניזאַציע. און אַז איך האָב שוין די ביכער, טראָג איך זיך מיט זיי אין רעסטאָראַן, עס דאָרטן אָפּ און דערנאָך גיי איך צום מיטינג.

צוריק מיט עטלעכע וואָכן בין איך אַזוי, אויף גיך, אַריין אין בוך-געשעפט, אַז איך האָב אַזש ניט באַמערקט, אַז מ׳האָט ערשט אויסגעוואַקסט דעם דיל. און איך גיב זיך אַ גליטש אויס, בלייב זיצן אויפן דיל און קען זיך ניט אויפהויבן. מיד בין איך געוועז, הונגעריג אויך, דערצו האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן, — האָב איך, ווייזט אויס, אַוועקגע׳חלש׳ט אויך. מ׳האָט מיך אויפגע-הויבן, אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, געגעבן אַ גלאָז וואַסער. איך

האָב זיך אַביסל אָפּגערוט. איך האָב איינגעקויפט די ביכער און וויל זיך לאָזן גיין אַהיים, פיל איך, אַז די פיס דינען מיר ניט אַזוי גוט, ווי זיי האָבן מיר פריער געדינט. כאַפּ איך זיך אַרויס מיט דער געוויינלעכער באַמערקונג: „איך וועל שוין דאַרפן אַריינגיין צום דאָקטאָר, איך האָב שוין אַ „קעים" — און איך גיי מיר אַוועק.

„אויפן צווייטן טאָג גיי איך שוין ניט צו דער אַרבעט, איך גיי צו צום דאָקטאָר, ער באַטראַכט מיך. קיין ביין איז ניט צע־בראָכן, נאָר אָפּרוען אַביסל, אַ פּאָר טעג, דאַרף איך זיך. דער־ווייל האָט ער מיר פאַרבאַנדאַזשירט דעם פוס. אַז כ'האָב שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, מאַכט דער דאָקטאָר צו מיר: „דאָס זענט איר די פרוי, וואָס איר ווילט גיין לאָדן אונזער אָרגאַני־זאַציע אין געריכט און מאַכן אַ „קעים" פון אייער פאַל? !..." איך בין דערשטוינט געוואָרן צו הערן אַזעלכע רייד. איך האָב זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן פון וואַנען עס קומען צו אים אַזעלכע רייד. ערשט איך ווער געוואויר, אַז דאָס אָפּיס־מיידל האָט געלאָזט וויסן דעם דאָקטאָר און נאָך מענטשן, אַז איך אַליין האָב זיך אויס־געדריקט, אַז איך וועל אָנקלאָגן אונזער בוך־געשעפט אין שאָדן־זאַך. פון מויל צו מויל איז דאָס געגאַנגען און מ'האָט מיר געמאַכט אַ שיינעם נאָמען... וואָס־זשע טוט מען? — האָב איך אַרויס־געפאָדערט דאָס אָפּיס־מיידל אויף אַ געזעלשאַפטלעכן געריכט. געקומען צום געריכט, האָבן זיי אויסגעהערט מיינע טענות און דער אָפּיס־מיידלס טענות און מ'האָט גע'משפּט, אַז איך בין שולדיג! איך בין שולדיג? — יאָ, איך בין שולדיג! — האָב איך צו זיי געזאָגט, — ווייל איך בין אַ פּשוט שאַפּ־מיידל און קען ניט רעדן אַזוי שיין, און ביי איר, ביי דער אָפּיס־מיידל, איז דאָס צינגל אויף שרייפלעך, דערפאַר בין איך שולדיג!" און איך בין אַוועק . . .

„בין איך געקומען צו אייך, פריינט אַלגין, — און טרערן האָבן זיך ווידער באַוויזן אין אירע אויגן, — איך בין געקומען ביי אייך פרעגן, ווער ס'איז שולדיג: איך, וואָס כ'האָב זיך אַרויסגעכאַפּט, אין אַ שפּאַס, אַז כ'וועל „מאַכן אַ קעים", און אַלע האָבן פאַר־שטאַנען, אַז כ'האָב עס ניט געמיינט, צי די אָפּיס־מיידל, וואָס האָט מיר געמאַכט אַ שלעכטן נאָמען!..."

שטעקט אַזוי אַלגין אַריין די הענט אין די הויזן־קעשענעס און שפּאַצירט אַזוי לעבן טישל הין־און־צוריק, טראַכט אַביסל, דער־נאָך מאַכט ער: „ווייסט איר גאָר וואָס, טייערע פריינדינע, איך וועל אייך ענטפערן נאָך דער לעקציע, גוט?"...

שטימט זי איין, די האַרעפּאַשנע פרוי.

און אַלגין זעצט זיך צוריק אַוועק ביים טישל. ער פאַרענ־דיגט שוין אויף שנעל זיין שרייבן. ער לויפט שוין אויף גיך אי־בער מיט זיינע אויגן איבער די שורות. דאָ און דאָרטן שטעלט ער אַריין אַ וואָרט, מעקט אויס אַ וואָרט, פאַרריכט עפּעס. ער לייגט אַריין די בויגנס אין אַ גרויסן קאָנווערט, פאַרמאַכט, קלעפּט

אָן אַ סך מאַרקעס, דער בריוו זאָל קומען וואָס שנעלער קיין ניו־יאָרק, אין דער רעדאַקציע.

און דערווייל קלייבט זיך דער עולם. דער זאַל ווערט אָנגע־פּאַקט. עס קומען צו פאַרערער און גיבן אָלגינ׳ען די האַנט. מען פרעגט זיך נאָך, וואָס ער מאַכט, ווי אַזוי ער פילט אין געזונט. און אָלגין ענטפערט יעדן מיט אַ שמייכל, און מען איז צופרידן, וואָס מען שטייט אַרום אָלגינ׳ען.

און אָט גיט דער פאַרזיצער אַ קלאַפּ מיטן העמערל. עס ווערט שטיל. אָלגין רעדט. און יעדעס וואָרט איז אַזוי ליב און טייער. פּערלדיגע ווערטער. און מיטאַמאָל ווערן אַלע דערשטוינט:

„איך האָב היינט געהערט, — דערציילט אָלגין אין אַ רו־איגן טאָן, — אַ מעשה פון אַן אַרבעטער־פרוי. אַ מעשה מיט אַ געזעלשאַפטלעכן געריכט, אַ היימישער משפט. עס קען זיין, אַז זי, די אַרבעטער־פרוי, האָט זיך אויסגעדריקט שלעכט, געמאַכט אַ טעות, אָבער זי איז גערעכט. און ווען זי האָט מיר דערציילט די מעשה, האָבן טרערן גערונען פון אירע אויגן, איז זי שוין זי־כער גערעכט, ערלעכע טרערן, פּערלדיגע טרערן... מיר זיינען גע־בוירן געוואָרן און מיר לעבן אין אַזאַ געזעלשאַפט, אַז מיר קענען ניט זיין פון גין־גאָלד. מיר מאַכן טעות׳ן, מיר באַגייען אומרעכטן... לאָמיר זיין פון די ערשטע צו זיין פאַרזיכטיג, צו האַנדלען טאָ־לעראַנט, האָבן גערולד, נעמען אין אַכט, העלפן איינער דעם צווייטן מיט וואָרט און מיט טאַט און ראַט. מיר מוזן זיין איניג, געאיי־ניגט. עס דאַרף הערשן אחדות ביי אונז, עס דאַרף זיין האַרמאָניע צווישן אונז. מיר דאַרפן ווייזן אַ ביישפּיל פאַרן פאָלק!...“

און די אַרבעטער־פרוי איז געזעסן און זיך צוגעהערט און איר איז גרינגער געוואָרן...

און נאָך דער לעקציע איז מען פאַרבליבן טרינקען אַ גלעזל טיי אין קלוב. און די אַרבעטער־פרוי און דאָס אָפּיס־מיידל, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל ביי דער לעקציע, האָבן ביידע דערלאַנגט טיי צום טיש. זיי האָבן געקוקט אויף אָלגינ׳ען און געשמייכלט, זיי האָבן זיך איבערגעבעטן.

„אָט אַזוי פאָרט ער אַרום, אונזער אָלגין, פון שטאָט צו שטאָט, ער ברענגט אונז ליכט, ער ברענגט אונז איינִיגקייט און פרידן!“ — זאָגט איין אַרבעטער.

„אַזוי פאָרט ער אַרום, אונזער אָלגין, ער קלייבט פּערלדיגע רייד, פּערלדיגע געדאַנקען, פּערלדיגע טרערן, דערנאָך גיט ער זיי אונז אין זיינע שריפטן, געלייטערטע, געשליפענע פּערל...“

און אָלגין קוקט אַזוי אויפן עולם אַ שטראַלנדיגער. ער פאַר־ריכט אַזוי די ברילן און שמייכלט. מיטאַמאָל גיט ער זיך אין עפּעס אַ דערמאָן. ער כאַפּט אַרויס אַ ביכעלע, אַ בלייפעדער און ער פאַרצייכנט . . .

„איר זעט, איר זעט, אונזער אָלגין קלייבט פּערל!“ — שוש־קעט מען זיך אין זאַל.

**
*

און יעדעס יאָר, ווען מיר קומען זיך צונויף איבער די שטעט און שטעטלעך פון די פאַראייניגטע שטאַטן, איבער די שטעט און שטעטלעך פון דער וועלט, צו דערמאָנען דעם אָנדענק פון אונזער אָלגינ׳ען, צו זיין יאָרצייט, — דאַכט זיך אונז, אַז אָלגין איז ניט געשטאָרבן, אַז אָלגין לעבט צווישן אונז. דאָס האָט ער זיך בלויז ערגעץ באַהאַלטן, אַז מיר זאָלן אים ניט קענען זען מיט אונדזערע אויגן. נאָר, אַז מיר גיבן אַ פאַרמאַך די אויגן, דערזעען מיר אים: „אָט שטייט ער און רעדט, און עס גיסן זיך די רייד, פליסיג און דערקוויקנדיג, ווי קרישטאָל-ריין וואַסער פון אַ קוואַל... און אָט זיצט ער און שרייבט, פירט מיט זיין פען און שטעלט אויס די גאָלדענע אותיות, די פערלדיגע אותיות... אָלגין קלייבט פערל!...״



אָלגין און נאָוויק אין רעדאַקציע ביי דער אַרבעט

מיין לערערס לערער מ. אַלגין

אויף די ווענט פון קלאַס-צימער פון דער אידישער קינדער־שול הענגען די פּאָרטרעטן פון די אידישע קלאַסיקער. עס קוקן אַראָפּ גרויסע פאָטאָגראַפיעס פון פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער פּרע־זידענטן. פאַרשידענע בילדער פון שרייבער און פירער באַצירן די ווינקלען. די אַלע מענטשן און געמעלן גיבן איבער דעם כאַ־ראַקטער פון אַ אידישער פּראָגרעסיווער אַמעריקאַנער קינדער־שול.

אין ד ע ר שול, וועגן וועלכער מיר דערציילן דאָ, הערשט היינטיגן סעזאָן אַ באַזונדערע פרייד. דער לערער פון דער שול איז אַ יונגער אַמעריקאַנער-געבוירענער בחור. ער איז אַלס קינד אָנגעקומען אין ד ע ר שול זיך לערנען. ד אָ האָט ער זיך אויסגעלערנט פון דעם לעבן פון די אידן איבער דער גאַנצער וועלט.

און אַז ער האָט פאַרענדיגט די אָנפאַנג-שול איז ער אַוועק אין דער י. ל. פּרץ-מיטלשול. און נאָך דער מיטלשול האָט ער באַזוכט די „העכערע קורסן" און איז געוואָרן אַ אידישער לערער. און איצט איז ער געקומען צוריק אין ז י י ן שול אַריין צו ווערן דער לערער.

ברוך, הייסט ער. אַלע רופן אים לערער ב ר ו ך. די שול־טוער, די פאַרוואַלטער און די עלטערן שטאַלצירן מיט אים: א ו נ ז ע ר לערער ברוך, אונזער וויכאַוואַניק, מ י ר האָבן אים דערצויגן.

און די קינדער זיינען גאָר באַגייסטערט. די קינדער האָבן ליב אַ יונגן לערער. באַזונדערס נאָך, אַז ער קומט פון זייער געגנט, ער קומט טאַקע פון ז י י ע ר שול, זיינען זיי גאָר צופרידן.

שטייט ער אַזוי, דער יונגער לערער ברוך, שרייבט מיטן קרייד אויפן טאָוול, דערקלערט די קינדער, דערציילט זיי עפּעס, לערנט מיט זיי.

איינמאָל האָט זיך דער לערער ברוך אַוועקגעזעצט און אַזוי אַ קוק געטאָן אויף אַ זייט, זיך צעשמייכלט און געוואָלט אָנהויבן דערציילן אַ מעשה.

מיטאַמאָל האָט זיך אַ בחורל אָנגערופן: „זעט נאָר, קינדער, אונזער לערער ברוך זעט אויס, ווי מ. אַלגין, אָט דאָ, אויפן בילד, אויף דער וואַנט!"

אַלע קינדער פון עלטערן קלאַס האָבן באַלד אַ וואָרף געטאָן זייערע בליקן אויף מ. אַלגינ'ס אַ בילד: ער זיצט, מ. אַלגין, ביי אַ טיש, באַברילט, אַ שמייכל הענגט אויף זיינע ליפּן. פּאַפּירן ליגן צעלייגט איבערן גאַנצן טיש. אַ טעלעפאָן געפינט זיך ביי דער זייט... די קינדער האָבן זיך אַ הויב געטאָן פון זייערע ערטער, זיך צונויפגעקופּקעט לעבן בילד, וואָס אויף דער וואַנט, און גע־

לייענט אויף אַ קול דעם אונטערשריפט: „מ. אַלגין ביי זיין רע־דאַקציע־טיש".

דערנאָך האָבן אַלע קינדער געוואָרפן זייערע בליקן אויף זייער לערער ברוך. אויפן טיש לעבן לערער זיינען טאַקע אויך געלעגן ביכער און פּאַפּירן, טינט, קליי, בלייפעדערס. קיין טע־לעפאָן איז ניט געווען. דער לערער ברוך איז געזעסן אַ רואיגער און געשמייכלט. אים איז געפעלן געוואָרן דער פּלוצימדיגער איינ־פאַל פון די קינדער.

דער לערער ברוך האָט צוגערופן דעם איינציג־באַברילטן בחור אין קלאַס, משה'לען. ער האָט געליגן ביי אים די אויגן־גלעזער און זיי אויף זיך אָנגעטאָן. ערשט איצט האָבן די קינדער זיך דערפרייט: אַזאַ מין ענלעכקייט צו אַלגינ'ען! איז אפשר זייער לערער אַן אייגענער צו מ. אַלגין?

— אַז איר וועט זיך אַוועקזעצן רואיג אויף אייערע ערטער, קינדער, וועל איך אייך דערציילן אַן אמת'ע מעשה, ווי אַזוי איך בין אַמאָל געווען אויף אַן אמת מ. אַלגין, — האָט דער לערער ברוך גערעדט צו זיי מיט אַזאַ מין זיכערקייט און רואיגקייט, גלייך ווי עס רעדט ניט קיין לערער צו זיינע שילער, נאָר ווי אַן על־טערער ברודער רעדט צו זיינע אינגערע ברידערלעך.

— אַן אמת'ער מ. אַלגין?! — האָבן זיך די קינדער איבער־געקוקט... זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף זייערע ערטער, ס'איז געוואָרן שטיל, אָבער אין זיי איז געווען אַ געוויסע אומרואיקייט, אַ טשיקאַוועדיקייט. ווייל זיי, די עלטערע קינדער פון דער שול, קען מען קיין מעשיות ניט דערציילן, וואָס זיינען ניט־געשטויגן און ניט־געפלויגן. וואָס זיינען זיי, קינדער פון ערשטן קלאַס? נאָר גרייט צו הערן עפּעס אויסערגעוויינלעכס זיינען זיי געווען. ווייל זיי האָבן ליב געהאַט זייער לערער ברוך און געהאַט צו אים פיל צוטרוי.

— ווען איך בין געווען אין אייערע יאָרן, אָדער אַ יאָר, צוויי, עלטער, אַרום פופצן יאָר, האָב איך שוין געלערנט אין דער מיטל־שול. און עפּעס בין איך געווען גרויס געוואַקסן פאַר מיינע יאָרן דעמאָלט.

איינמאָל קומט דער לערער, מיין לערער, אין שול אַריין און דערציילט אונז מיט באַגייסטערונג, אַז מיר וועלן האָבן אינגיכן אַ גרויסן גאַסט, משה אַלגין קומט צו אונז.

און ער האָט אונז איבערגעגעבן זיין פולע ביאָגראַפיע און די גרויסקייט פון אים. און ער האָט אונז אויך דערציילט, אַז אַלגין איז געווען זיין לערער. ווען ער, מיין לערער, אייער לערערס לערער, איז געווען אַ יונגער בחור האָט ער זיך געלערנט פון אַ בוך „דאָס אידישע וואָרט", וואָס אַלגין האָט צונויפגעשטעלט.

מ. אַלגין איז געווען פון די בעסטע שרייבער, רעדנער און לערער פון זיין צייט.

און, זאָגט אונז אונזער לערער, — דערציילט דער יונגער לע־רער ברוך, — אַז מ. אַלגין איז דער בעסטער רעדאַקטאָר אויך. און אַזוי ווי מיר ווילן אים געבן אַ גרויסן קבלת־פּנים, וועלן מיר דורכפירן אַ שפּיל די „מאָרגן־פרייהייט"...

און דער לערער לייענט אונז פאָר אַ שפּיל, וואָס קומט פאָר אין רעדאַקציע. עס זיצן די אַלע שרייבער, מיטאַרבעטער. מען שרייבט און מען קלאַפּט אויף שרייב־מאַשינקעס. עס קומען אַר־בעטער דערציילן נייעס פון די שעפּער. עס קומען דערציילער, דיכטער און ברענגען זייערע ווערק. עס קומען אויך מענטשן, וואָס רעדן זיך איין, אַז זיי זיינען שרייבער, און ברענגען גרויסע ראָ־מאַנען, גאַנצע ביכער... הכלל, אַ גאַנצע שפּיל פון אַ רעדאַקציע.

אַז ס'איז געקומען אויסצוטיילן די ראָליען איז געוואָרן לע־בעדיג. ווייל די מיטלשולניקעס איז געפעלן געוואָרן די שפּיל. און יעדער איינער וועט שפּילן אַ ראָליע פון אַ גרויסן מענטשן, און נאָך אַ שרייבער דערצו, זיינען זיי גאָר געווען צופרידן. און אַז ס'איז געקומען צו דער ראָליע פון מ. אַלגין, האָבן אַלע געגעבן אַ וואָרף זייערע בליקן אויף מיר — און אין מיטן דערציילן צע־שמייכלט זיך דער יונגער לערער ברוך, און זיין שמייכל איז טאַקע אַן אַלגינישער שמייכל — און דער לערער גיט אַ באַשלום־קלעפּל איבערן טיש: „יאָ, חברה, ברוך איז, דאַכט זיך, דער צוגעפּאַסטער בחור פאַר דער אַלגין־ראָליע!..."

איך האָב שוין גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגן. אַ ברירה האָב איך געהאַט — איך האָב געמוזט נעמען די ראָליע אויף מיר. אַלע מיטלשולניקעס האָבן מיך מקנא געווען.

נאָר אויב שוין יאָ שפּילן די ראָליע פון אַלגין'ען, האָב איך זי געוואָלט שפּילן גוט. איך האָב געוואָלט, אַז ווען אַלגין וועט קומען צוגאַסט און וועט אונז זען שפּילן, זאָל עס אים געפעלן. איך בין גאַנצע נעכט ניט געשלאָפן. וואו איך האָב געזען אַ בילד פון אַלגין'ען האָב איך עס געבראַכט צו מיר אין צימער אריין. מיין לערער, מיינע עלטערן, מיינע עלטערנס פריינט און באַקאַנטע, וואָס האָבן געקענט אַלגין'ען פּערזענלעך און האָבן אים געהערט רעדן (און ווער האָט ניט געקענט אַלגינען?!...) האָב איך פאַרמוטשעט מיט פראַגן: ווי אַזוי איז זיין אויסשפּראַך, זיין באַוועגונג, זיינע געוואוינהייטן ביים רעדן.

אַלגין האָט גערעדט מיט אַ שאַרפער רייש. איז וויפיל אידישע ווערטער איך האָב נאָר געקענט געפינען אין מיינע ביכער, וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ ר'ייש, האָב איך געלייענט אויפן קול און גע־ריבן די ריישן ראַשיג.

ווען אַלגין פלעגט אַריין אין עקסטאַז ביים רעדן און מאָלן בילדער, און זיין רעדן איז שטענדיג געווען דורכגעפלאָכטן מיט מעשה'לעך, בילדער, קאָלירדייך, פלעגט ער באַוועגן אַלע טיילן פון

זיין קערפּער: אַרומגעגאַנגען איבער דער בינע, געפּאַכעט מיט די הענט אין דער לופטן, זיך געבויגן, אַלעמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַזאַ טבע געהאַט, צו זיין שניפּס, צי עס שטייט דער שניפּס אויפן ריכטיגן אָרט, פונקט אין צענטער. אַ ספּאָרט געווען. שטענדיג ריין און ציכטיג אָנגעטאָן . . .

דער באַשטימטער אָוונט איז געקומען. אין זאַל איז געווען פינצטער. דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. מיר האָבן אַלע געוואוסט, אַז מ. אַלגין זיצט אין זאַל. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט אַזוי שטאַרק, ווי אַ גרויסער וואַנט-זייגער. מיר האָבן אַלע גע-שפּילט מיט פולער ערנסטקייט...

און ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, איז אונז גרינ-גער געוואָרן. שווערע שטיינער זיינען אונז אַראָפּ פון די הערצער. איך בין געווען אַזוי פאַרמאַטערט און פאַרשוויצט, ווי איך זאָל האָבן געטראָגן אַ באַרג אויף זיך.

דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אונז געגעבן שטאַרקע אַפּ-לאָדיסמענטן.

אַלגין איז אַרויפגעקומען הינטער די קוליסן און מיט יעדן פון אונז געדריקט די האַנט און זיך וואַרעם באַגריסט.

און שפּעטער, ווען אַלגין האָט געהאַלטן איינע פון זיינע באַ-לערנדע רעדעס, אַ רעדע, אַ לעקציע, און דער עולם איז געזעסן, ווי צוגעשמידט צו די בענקלעך, האָט ער דערמאָנט די מיטלשולני-קעס, די שפּיל און ער האָט געזאָגט:

„היינט האָט איר געזען נאָך אַ באַווייז, אַז די קינדער-שולן זיינען די וואָרצלען פון דער פּראָגרעסיווער אידישער באַוועגונג. פון די וואָרצלען וועלן אַרויסוואַקסן ביימער, דעמבעס. עס וועלן אַרויסקומען פון זיי פּירער, לערער, שרייבער און טוער. וואָס שע-נער און בעסער און שטאַרקער און טיפער און ברייטער מיר וועלן בויען די שולן, אַלץ שענערע פּרוכטן וועלן מיר אַרויסקריגן...

„די שולן וועלן אַרויסגעבן אַ סך אַלגינס, נאָוויקס, כצ׳ס, ביי-לינס, בוכוואַלדס און אַלע אַנדערע שרייבער און דיכטער פון דער „מאָרגן-פרייהייט״... קלוב-פּירער, שול-פּירער...״

און ער האָט גערעדט און גערעדט מיט אַזאַ מין פייער, מיט אַזוי פיל היץ, מיט אַזאַ ברען, מיט פאַרשידענע באַוועגונגען, מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער נשמה, — אַז ווי לאַנג איך וועל לעבן, וועל איך עס געדענקען...״

. . . און דאָ האָט זיך אונזער יונגער לערער ברוך אַביסל אָפּ-גערוט, געמאַכט אַ פּויזע. ער האָט געגעבן אַ הוסטל אין זיין פויסט אַריין. ער האָט אַרונטערגעלאָזט די בליקן פון זיינע אויגן צום טיש. ער האָט אינגאַנצן געביטן זיין טאָן אויף טרויערדיגם:

„און גאָר אומגעריכט, אין אַ טאָג אין נאָוועמבער, 1939, איז מיין לערערס לערער, אונזער אַלעמענס לערער מ. אַלגין געשטאָרבן.

טויזנטער און טויזנטער אידישע און ניט-אידישע אַמעריקאַ-נער זיינען געקומען דעם לעצטן מאָל אַ קוק טאָן אויף אים אין

זיין ארון. און טויזנטער און טויזנטער האָבן אים באַגלייט אין זיין אייביגער רו אַריין.

און דעמאָלט, שטייענדיג אויף דער וואַך לעבן זיין אָרון, האָב איך מיר געגעבן אַ וואָרט, אַז איך וועל ווערן אַ לערער... אַרום איז געווען אַ וואַלד מיט בלומען, וואָס אָרגאַניזאַציעס האָבן געשיקט. אַרום זיינען געגאַנגען מענטשן אָן אַ שיער, אָן אַ שיער. און יעדער האָט עפּעס געשעפּטשעט, עפּעס צו זיך געזאָגט, און אויך איך האָב עפּעס צו זיך געזאָגט...

. . . אָט דאָס, קינדער, — האָט דער לערער ברוך פאַרענדיגט — איז אַן אמת'ע מעשה וועגן מיין לערערס לערער מ. אָלגין!..."

די קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ מאָדנעם שלאָף מיט פאַרשידענע הויך־קלינגענדיגע חלומות... ס'איז שוין געווען צייט אַהיים צו גיין. זיי האָבן נאָך אַמאָל אַ בליק געטאָן אויפן אָלגין־בילד, וואָס האָט געהאַנגען אויף דער וואַנט. זיי האָבן זיך געזעגנט מיטן לערער. און מיט שטילע געמאָסטענע טריט, האָבן זיי זיך געלאָזט צו דער טיר...

זיי טראָגן מיט זיך איצט אַהיים אַ מעשה פון דער שול צו זייערע עלטערן וועגן זייער לערערס לערער מ. אָלגין! . . .



חבר מ. אָלגין און חבר קלמן מרמור

גיי אין פאָלק מיט אַלגינס וואָרט!...

פלוצים, אַזוי אומדערוואָרט פאַר אים און דער פאַמיליע, האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ אידישער לערער, אַ לערער אין די אידישע קינדער־שולן.

אין די קינדער־יאָרן האָט ער גאָר קיין צופיל אידיש ניט געוואָלט לערנען. ער האָט גאָר ליב געהאַט זייער פיל זיך צו שפּילן אין גאַס. ער האָט גאָר ליב געהאַט צו לויפן און שפּרינגען און איבערקערן אַ וועלט. אַ מזיק געווען. ער האָט בכלל ניט ליב געהאַט זיך אָוועקצוזעצן און לערנען.

נאָר זיין פאָטער איז געווען אַ לערער, אַ אידישער לערער אין די קינדער־שולן. איז אים, דעם זון, אויסגעקומען מיטצופאָרן מיטן פאָטער, מיט דער מוטער, מיטן שוועסטערל, מיטן מעבל, מיט די ביכער איבער פאַרשידענע שטעט.

באַזונדערס די ביכער האָט ער שוין געהאָלפן טראָגן דעם פאָטער פון קליינוויז אָן. ער האָט באַקומען אַ מין ליבע צו דעם טאַטנס ביכער. שוין פון קינדוויז אָן האָט ער געזען זיין פאָטער זיצן און שרייבן אָדער קלאַפּן אויף אַ שרייב־מאַשינקע.

דער טאַטע האָט פאַרריכט קינדערשע קאָמפּאָזיציעס, מעשה׳לעך. דער פאָטער האָט געשריבן מעשה׳לעך פאַר קינדער. ער האָט דערציילט און געלייענט די מעשה׳לעך פאַר זיין זון. דער פאָטער איז געווען פאַר אים פון קינדוויז אָן דער לערער, דער שרייבער, די שול.

און יאָרן און יאָרן זיינען זיך געגאַנגען. און דער זון, דעם לערערס זון, איז זיך געוואַקסן. פון יעדער צייט און פון יעדער שטאָט איז עפּעס געבליבן אין די זכרונות: אין דעם קעמפּ „קינדערלאַנד" איז ער אַרומגעלאָפן אויף די גראָזן, אין קינדער־גאָרטן איז ער דאָרטן געווען. אין פּאַסעיק האָט ער צעבראָכן די שויבן פון אַ שאַפע מיט ביכער. אין דעטראָיט האָט ער געשלעפּט, ביי די פיס, זיין טאַטן פון דער בינע, ווען זיין פאָטער האָט גערעדט פאַר אַ גרויסן עולם. אין פילאַדעלפיע איז ער געקראָכן אין פערמאָונט־פּאַרק און אויף די באַן־רעלסן. אין שיקאַגאָ האָט ער אָוועקגעשפּאַצירט אַ זיבן־און־פופציק בלאָקן. ער איז געווען אַ מזיק...

ער האָט אָנגעהויבן לערנען אידיש אין דער קינדער־שול נומער דריי אין שיקאַגאָ. דער פאָטער זיינער איז געווען דאָרטן דער לערער. אַ מאָדנע דערשיינונג איז דאָס געווען: דער טאַטע מיטן זון זיינען צוזאַמען געגאַנגען אין שול אַריין. האָט זיך אַמאָל געטראָפן, אַז אַ שול־טוער איז אַריינגעקומען אין מיטן לערנען פון ערשטן קלאַס. דער שול־טוער א ב ר ה ם האָט אויף טשיקאַוועס אַ פרעג געטאָן דעם קלאַס: „קינדער, וואָס טראַכט איר עפּעס וועגן אייער לערער, עפּעס אַ גוטער לערער? . . ."

קינדער זיינען קלוג. זיי פאַרשטייען ווי אַזוי צו ענטפערן; זיי וועלן ניט פאַרשעמען זייער לערער. אַלע האָבן געענטפערט, אַז זייער לערער איז אַ גוטער. נאָר איין אינגעלע, אַ שוואַרצינקער, האָט זיך אויפגעהויבן און געהאַלטן זיין האַנט אין דער לופטן: „וואָס ווילסטו זאָגן?“ — פרעגט אים דער שול־טוער אברהם. „איך וויל זאָגן, — מאַכט דאָס אינגעלע, — אַז אונזער לערער איז דער בעסטער לערער אויף דער גאַנצער וועלט!“

אין קלאַס איז געוואָרן אַ געלעכטער. דער שול־טוער האָט זיך צעשמייכלט. ער האָט זיך אויף אַ מינוט געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט און דערנאָך ווידער געפרעגט דעם אינגעלע: „אָבער פון וואַנען ווייסטו, דו ביסט בלויז אין שול דעם ערשטן סעזאָן?“

„איך קען דעם לערער זינט איך לעב, ער איז מיין פאָטער!...“

און ווידער זיינען יאָרן און יאָרן געגאַנגען. ער איז שוין געוואָרן אַ „קעמפּער“ אין קעמפּ „קינדערלאַנד“. ער האָט זיך געלערנט אין אַ קינדער־שול אין די בראָנקס.

זיין מוטער איז געשטאָרבן. ער איז נאָך געווען יונג, אַרום צוועלף יאָר. נאָר ער האָט ניט געוויינט. מיטאַמאָל איז ער אויסגעוואָקסן. עפעס איז ער אַנדערש געוואָרן. אַביסל פאַר׳חלומט. ער האָט אָנגעהויבן מאָלן בילדער.

אָבער לערנען אין סקול און אין שול האָט ער ניט געוואָלט.

ער האָט עפעס קיין געדולד ניט געהאַט. ס׳איז אַ מאָדנע זאַך געווען מיט אים: ער האָט פאַרשטאַנען די לימודים, נאָר ער האָט ניט געוואָלט צוגרייטן די אַרבעטן. ער האָט זיך דורכגעשטופּט אין דער עלעמענטאַרער סקול און אין דער אָנפאַנג־שול; ער האָט קוים פאַרענדיקט די היי־סקול און די צענטראַלע מיטלשול.

ער האָט שוין געוואָלט ווערן אַ גרויסער מענטש און אַ גרויסער פאַרדינער. ער האָט שוין אָנגעהויבן „אַרומגיין“ מיט מיידלעך. און ער האָט געמאָלט בילדער.

עפעס האָט ער אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אינגלעך־קלובן אין דער נאַכבאַרשאַפט. אַזעלכע קלובן, וואָס האָבן ניט קיין גייסטיקן אינהאַלט, בלויז פאַרווייַלערישע. ספאָרט האָט ער ליב געהאַט. די יאָרן פון איבערגאַנג פון אינגל צו דערוואָקסענעם מענטשן האָבן געבראַכט זאָרג פאַרן פאָטער, דעם לערער.

רייד און רייד, עקשנות׳דיגע ווערטער האָט דער לערער־פאָטער גערעדט צו זיין זון. אין דעם לערערס זון זיינען פאָרגעקומען גרויסע מלחמות. אַן אומרו אַ גרויסער האָט דאָרטן געהערשט. אין דעם מוח פון דעם יונגן זון האָבן מלחמה געהאַלטן: דער לערער מיט זיינע באַשיידענע פאַרדינסטן, מיט זיין באַשיידענער קליידונג און וואוינונג, מיט דער אידישער שפּראַך און פּראָגרעסיוון געדאַנק קעגן אַ מעכטיגער אַמעריקאַנישער וועלט פון פאַרווײַלונג, ספּאָרט, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, צייטונגען, קלובן, ביליאַרד און וואָס ניט?!... אַ שווערע מלחמה.

און דער זון איז אַוועק איבער באַנען צו פאַרקויפן שפייז און קאַלטע געטראַנקען צו פּאַסאַזשירן. ער האָט געוואָלט ווייזן אַז ער קען פאַרדינען. אָבער ניט דאָס האָט ער געזוכט. ער האָט עפּעס אַ נ ד ע ר ש געזוכט. ער האָט געמאָלט בילדער...

„איז אפשר ווילסטו זיין אַ קאָנסעלער אין קעמפּ „קינדער־לאַנד", מיין זון?" — האָט דער לערער־פּאָטער פאַר אים געשטעלט די פראַגע.

יאָ, ער איז אַוועק צו ווערן אַ קאָנסעלער. און דאָרטן, ביי דער אַרבעט אַרום קינדער, האָט ער זיך געפונען. ער איז גע־ווען צופרידן.

פון דאָרטן איז ער שוין געקומען, אַ קאָרג־אַכצן־יאָריגער בחור, גאָר אַן אַנדערער. ער וויל שוין לערנען אויף די „העכערע קורסן", ער וויל אויפנעמען פּראָבלעמען פון אידישן לעבן און בכלל זיך לערנען.

מיט געוואַלד האָט ער דורכגעשטופּט אַ יאָר קאָלעדזש. נאָר ער וויל גאָר ניט קיין קאָלעדזש־קענטעניש, ער וויל געזעלשאַפט־לעך לעבן.

נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר אַרבעט אין „קינדערלאַנד". נאָך אַ קורס און נאָך אַ קורס אויף די העכערע קורסן.

ער וועט ווערן אַ פירער צווישן דער אידישער יוגנט. ער ווערט אַ פירער אין דעם יוגנטלעכן אידיש־רעדנדיגן קלוב אויפן נאָמען פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם שרייבער און לערער בצלאל פרידמאַן. גוט אַזוי, טראַכט זיין טאַטע.

ער ווערט אַ מאָלער. זיינע אילוסטראַציעס ווערן גענוצט אין קלוב־זשורנאַל און אין אַנדערע אויסגאַבן. עפּעס ווערט ער אַן ע פּ ע ס.

און דער פאָטער־לערער איז צופרידן, וואָס זיין זון איז ניט פאַרלוירן געגאַנגען ערגעץ אויף דער „מין אַמעריקאַנישער" גאַס, אויף י ע נ ע ר גאַס, וואָס דערציט די זין אויף די ראָגן פון קענדי־סטאָרס און אין ביליאַרד־זאַלן . . .

נאָר, אַז ער, דער זון, זאָל וועלן ווערן אַ אידישער לערער, אויף דעם האָט זיך קיינער ניט געריכט.

מיטאַמאָל קומט אַן אַ בריוו:

„טייערער פּאָפּ!

„איך האָב געטראַכט און געטראַכט, און באַשלאָסן צו ווערן אַ אידישער לערער. אַלס שול־לערער וועל איך האָבן אַ געלעגנ־הייט זיך צו לערנען, מיט קינדער לערנען, זיין צווישן די מאַסן, צווישן פאָלק, דינען מיט וואָס איך קען. מיט מיין וואָרט, מיט מיין טאַט, מיט מיין פּינזל.

„וואָס איז דיין מיינונג?

„כאַטש איך בין שוין אַ כמעט־דערוואַקסענער, שוין באַלד צוואַנציג יאָר אַלט, ווײל איך דאָך ניט אַוועקפאָרן פון דער היים, צו זײן אַ לערער אויף דער פּראָווינץ, אָן דײן צושטימונג און אָן דײן גוטהײסונג...

„איך וואַרט אויף דײן ענטפער.

דײן, זון.”

„קינדערלאַנד”, סעפּטעמבער, 1947.

דער פאָטער האָט געענטפערט זײן זון אַזוי:

„טײערער זון:

„אײדער איך שרײב דיר אַרום מײן מײנונג וועגן דײן וועלן ווערן אַ אידישער לערער, ווײל איך דיר לאָזן וויסן, אַז עס געפעלן מיר דײנע מאָטיוון פאַרוואָס דו ווילסט ווערן אַ לערער: זיך צו לערנען, מיט די קינדער לערנען, זײן צווישן די מאַסן, צווישן פאָלק, דינען!... איך וויל דיר דאָ איבערגעבן, וואָס דער אומשטערבלעכער לערער, אונזער אַלעמענס לערער מ. אָלגין, האָט גערעדט צו די לערער. דאָס איז געווען אין סעפּטעמבער, 1938. ס׳איז דעמאָלט פאַרגעקומען די צווייטע נאַציאָנאַלע לערער־קאָנפערענץ פון די אידישע קינדער־שולן.

קײנער, פאַרשטײט זיך, האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז ער רעדט דאָס לעצטע מאָל צו אַ פאַרזאַמלונג פון לערער. אין אַ יאָר אַרום האָבן מיר אים פאַרלוירן.

איך בין געווען ביי דער קאָנפערענץ און דעמאָלט איבערגעגעבן אַ באַריכט אין דער „מאָרגן־פרײהײט”, וואָס איז דערשינען מיטוואָך, דעם 14טן סעפּטעמבער:

„מיט גרויסע אָוואַציעס איז אויפגענומען געוואָרן מ. אָלגין. ער האָט באַגריסט אין נאָמען פון דער רעדאַקציע. אָלגין האָט צווישן אַנדערעס דערקלערט:

ס׳איז איבעריג צו זאָגן, אַז מיר פאָלגן נאָך מיט גרויס אינטערעס די אַרבעט פון די קינדער־שולן און די אַרבעטן פון די לערער.

אויף וויפיל מיר וויסן, האָט איר, לערער, דורכגעמאַכט גרויסע פּרוכטבאַרע אַרבעטן אין פאַרטיפן די מעטאָדן פון לערנען מיט די קינדער פון דעם לעבן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן.

די שולן קאָן מען איצט ניט פאַרגלײכן מיט דעם, וואָס זײ זײנען געווען צוריק מיט צוויי־דריי יאָר.

די שולן האָבן זיך אַ סך פאַרבעסערט. די לערער מאַכן איצט אַ בעסערן אײנדרוק, לערער, קולטור־מענטשן, אידן, קולטור־מענטשן.

איר האָט צו פאַרצײכענען אַ זײער שײן בלאַט אין דער געשיכטע פון די שולן. איר מעגט זײן שטאָלץ מיט דער אַרבעט. איר האָט זיך דערוואָרבן מער חשיבות דורך אײער סיסטעם

פון מער אויסגעהאַלטנקייט.

מיר זיינען נאָך ניט אינגאַנצן צופרידן. ניטאָ קיין איינהייט־לעכקייט ווי אַזוי צו לערנען.

מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט, אַז מען זאָל זאָרגן, אַז זומער זאָלן מיר האָבן קורסן פאַר לערער.

עס איז אַ באַזונדערע פרייד, וואָס עס קומען צו אַ מ ע ר י ־ ק אַ נ ע ר ־ ג ע ב ו י ר ע נ ע לערער, שרייבער, — דאָס איז דער בעסטער ענטפער די אַסימילאַטאָרן וועגן גורל פון אידיש אין לאַנד.

די שולן האָבן איצט אַן אויפגאַבע: קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. ניט נאָר אַ קאַמף כלפי חוץ, נאָר אַ קאַמף פון אינעווייניג. אין די רייען פון דעם אידישן פאָלק זיינען פאַראַן אַנטי־אידן, מיר'ן זיי רופן אַנטי־אידישיסטן, וואָס פאַר'מיאוס'ן אידיש ביים יונגן דור.

איצט האָט איר אַ ספּעציעלן צוועק אויף דער אידישער גאַס: הויבן די חשיבות פון דער אידישער שפּראַך און דער אידישער קולטור. אונזער אויפגאַבע איז: אַ שול דאַרף ווערן אַ צענטער, וואָס זאָל אַרויסרופן דרך־ארץ און ליבשאַפט צו אונזער שפּראַך און אונזער קולטור.

די שולן גייען אויפן וועג צו ווערן אַזעלכע צענטערס.

מיר דאַרפן ווערן „אידישע נאַראָדניקעס", מיר דאַרפן גיין צו די מאַסן. מיר דאַרפן זיי לערנען, אַז זיי האָבן אַ רעכט צו זיין אידן.

אונזער גאַס איז פול מיט „פּאַרוועורטסיזם", ציוניזם, יאהודים־אַסימילאַציע. די אויפגאַבע פון אידישן פאָלקס־מענטש איז אויפצוקלערן, אַז דער איד האָט אַ רעכט אויף זיין בוך, זיין שרייבער, זיין לערער; ער האָט אַ רעכט צו פאָדערן אין דער רעגירונג־שול זיין שפּראַך, אין די ביבליאָטעקן — זיינע ביכער; אַ רעכט צו רעדן צו זיין קינד אויף אידיש. זיך פאַרטיידיגן — דאָס איז דער קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, בויען דעם דעמאָקראַטישן פראָנט..."

און איצט, מיין זון, שרייב איך דיר צו מיינע פאַר ווערטער: אויב דו ווילסט ווערן אַ אידישער לערער און די נאַציאָנאַלע שול־און קולטור־קאָמיסיע גלויבט, אַז דו קענסט שוין זיין אַ אידישער לערער, בין איך זייער און זייער צופרידן.

איך גיב דיר מיט מיין ברכה: ג י י א י ן פ אָ ל ק מ י ט אַ ל ג י נ ס וו אָ ר ט ! . . ."



חבר מ. אַלגינ'ס פּערלדיגע האַנטשריפט. דער אָנהויב פון זיינעם אַ מאַנוסקריפּט — אַ קריטיק איבער אַ בוך.

„אַנטוישט ניט די מאַסן!" — האָט אַלגין געזאָגט

. . . וואָכן־לאַנג זיינען די מיטגלידער פון דעם בראַנזווילער אידישן אַרבעטער־קלוב אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן און געסלעך פון בראַנזוויל, אַרום פּיטקין עוועניו און הערצל גאַס, און צעטראָגן די גרויסע נייעס: „אַלגין קומט קיין בראַנזוויל!"

פאַר די בראַנזווילער פאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען פאַרטראָגן מיט די טעגלעכע דאגות־פרנסה און האָבן ניט קיין צייט צו לייענען אַ בוך, אַ זשורנאַל און אפילו ניט קיין צייטונג יעדן טאָג, — האָבן די מיטגלידער פון אידישן אַרבעטער־קלוב געדאַרפט גענוי אויפקלערן ווער אַלגין איז און וועגן וואָס ער וועט רעדן.

יעדער מיטגליד פון אַראַנזשיר־קאָמיטעט, וואָס איז אַרומגעגאַנגען פאַרקויפן בילעטן, האָט אויף זיין שטייגער גערעדט וועגן אַלגינ'ען. זיי האָבן פאַרגעשטעלט אַלגינ'ען ווי דעם: „גרעסטן און בעסטן רעדנער, לעקטאָר, שרייבער און געלערנטן!..."

און באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט דער עלטסטער מיטגליד פון קלוב, דער גרייז־גרויער יונגער חיים, וואָס מ'זאָגט אויף אים, אַז פון זינט זיין זיבעציק־יאָריגן געבוירנטאָג ווערט ער אינגער פון טאָג צו טאָג, ווייל ער געפינט זיך אין די פּראָגרעסיווע רייען. דער גרייז־גרויער חיים האָט פאַרקויפט זייער פיל בילעטן און באַזונדערס צו אַ צאָל אַלטע גענאָסן, וואָס האָבן געדענקט אַלגינ'ען נאָך פון דער אַלטער היים און פון די יאָרן, ווען ער האָט געשריבן אין „פאָרווערטס" . . .

און ווען דער באַשטימטער אָוונט איז געקומען, אין אַ דעצעמבער־אָוונט, האָט אויסגעבראָכן אַזאַ שטורעם מיט אַ שניי און מיט אַזאַ מין בייסיגן ווינט, אַז מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן אין די הייזער. זייער ווייניג מענטשן האָבן זיך געזען אויף דער גאַס.

די מיטגלידער פון דעם בראַנזווילער אידישן אַרבעטער־קלוב זיינען אַרומגעגאַנגען „אָן קעפּ". זיי האָבן זיך „אָפּגעגעסן די הערצער". זיי האָבן זיך באַקלאָגט איינער פאַרן צווייטן: „נישטאָ קיין מזל! אַז מיר האָבן זיך שוין יאָ דערלעבט, אַז אַלגין זאָל אַראָפּקומען צו אונז, איז גאָט קעגן אונז, דאַרף אויסברעכן אַזאַ שטורעם! . . . "

אָבער די פירערשאַפט פון קלוב האָט געמאַכט אַ טעות, די בראַנזווילער פאָלקס־מאַסן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אין קלוב אַריין. פאַרשנייטע, דורכגעפרוירענע, דורכגעשטורעמטע, מיט רויטע נעז און אויערן, מיט „ווייסע" קאַפּעליושן און מאַנטלען זיינען זיי געקומען איינציגווייז, צו צוויי. דער זאַל האָט זיך אָנגעהויבן אָנצופילן, און אַרום אַכט־דרייסיג אין אָוונט איז יעדער פּלאַץ געווען פאַרנומען.

דער אַראַנזשיר־קאָמיטעט האָט געלויכטן פון גליק. די מיט־גלידער פון קאָמיטעט זיינען אַרומגעלאָפן איבערן זאַל און צונג־שטעלט נאָך בענקלעך. מען האָט באַגריסט די אַריינגעקומענע מיט שמייכלען, מיט יום־טוב׳דיקייט.

„מען טאָר ניט פאַרלירן דעם גלויבן אין די מאַסן, האָט אַלגין געלערנט!" — האָבן די קלוב־מיטגלידער צווישן זיך געשמועסט, — „אָט זעט, אין אַזאַ שטורעמדיגן אָוונט זיינען זיי געקומען הערן אַ לעקציע פון אַלגינ׳עןֿ".

און מיטאַמאָל איז באַלד געוואָרן אַרום ניין אַזייגער און אַלגין איז נאָך ניטאָ. דער גרייז־גרויער יונגער חיים איז שוין אַרומ־געגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער. ער ווייסט, אַז אַלגין איז ניט קיין גע־זונטער מענטש. און פאַר אים איז אַ גרויסע סכנה אַרויסצוגיין אין דרויסן אין אַ נאַסן, שטורעמדיגן וועטער, און טאָמער, חלילה, קומט ניט אַלגין, וועט ער שוין מער זיך ניט קענען באַווייזן אין פיל הייזער צו פאַרקויפן אַ בילעט פאַר אַן אונטערנעמונג פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

און איבערן זאַל האָט זיך שוין אויך אָנגעהויבן אַ שטיקל אומרואיקייט. עטלעכע האָבן זיך שוין געוואָלט אויפהייבן און גיין אַהיים. זיי האָבן אָנגעהויבן מאָנען צוריק זייער געלט פאַר די בילעטן.

די פירערשאַפט פון דעם בראַנזווילער אידישן אַרבעטער־קלוב איז שוין ווידער געוואָרן אומרואיג . . .

און מיטאַמאָל האָט זיך געגעבן אַן עפן די טיר און אַלגין האָט זיך באַוויזן !...

אַ שטורעם פון פרייד האָט אויסגעבראָכן אין זאַל. די אָפּ־טימיסטישע מיטגלידער האָבן געזיגט: זיי האָבן געוואוסט, אַז אַלגין וועט קומען, אַלגין מוז קומען! „אַלגין וועט ניט אַנ־טוישן! . . . "

ס׳האָט גענומען בלויז עטלעכע מינוטן, און אַלגין האָט זיך צעווייגט און צעברויזט אויף דער בינע. די פאַרזאַמלטע האָבן פאַרגעסן, אַז אין דרויסן בושעוועט אַ שטורעם. אַלגין האָט פאַר־כישופ׳ט יעדן איינעם פון די בראַנזווילער פאָלקס־מענטשן. די מענטשן האָבן ממש געזען די בילדער, וואָס אַלגין האָט געמאָלט ! . . .

ווען אַלגין האָט פאַרענדיגט זיין לעקציע, האָט אויסגעבראָכן אַן אָוואַציע. נאָך דער אָוואַציע האָט אַלגין געמאַכט אַ קליינע באַמערקונג: „מיינע פריינט, מיינע ברידער! איך וויל אייך איצט דערציילן אַ סוד. איך בין געלעגן אין מיין צימער און געטראַכט: וואָס טוט מען: זאָל איך גיין צו דער לעקציע און איינשטעלן מיין געזונט, מיין לעבן, צי זאָל איך אַנטוישן די מאַסן? — און איר האָט געזיגט! וויל איך אייך בעטן, אַז איר זאָלט געדענקען די ווערטער: וואָס פאַר אַ צייטן עס זאָלן ניט קומען, וואָס פאַר אַ שטורעמס עס זאָלן ניט אויסברעכן, געדענקט: אַנטוישט

ניט די מאַסן!..."

***

שוין, דאָ אין דעם אַרום אַן אַכצן יאָר, און יעדעס יאָר, ווען עס קומען אָן די טעג פון די אָלגין־מעמאָריעלס, אין די נאָוועמבער־טעג, קלינגט עס אין די אויערן פון דער פירערשאַפט און פון דער מיטגלידערשאַפט פון דעם בראָנזווילער אידישן אַרבעטער־קלוב:

„אַנטוישט ניט די מאַסן!..."

אויף דער וואַך ביי חבר מ. אָלגינ'ס אָרון. אין דער פאָדערשטער ריי: מוטער עלאַ ריוו בלור און

אין הינטערגרונט: פּ. נאָוויק און משה כץ.

די ליבע צו אַלגינען

ס'איז געווען אין אַ פּשוט'ן מיטוואָך אין מיטן חודש אויגוסט. אויף די וועגן און שטעגן פון דער זומער-קאָלאָניע האָבן זיך אַרומגעדרייט עלטערן-געסט האַלב-נאַקעטע, פאַרברוינטע און זאָרגלאָזע.

ביים ברעג פון דעם זילבערנעם טייך האָט מען זיך געבאָדן און געטומלט. שיפלעך האָבן זיך געטראָגן איבערן וואַסער מיט פריילעכע פּאַסאַזשירן.

פון דער קינדערשער זייט האָט זיך געהערט געזאַנג און ס'האָבן זיך דערטראָגן פאַרשידענע אַקטיוויטעטן.

מיטאַמאָל האָט אימיצער אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז אַלגין קומט אין קעמפּ אַריין אויף אָפּרו.

און מיטאַמאָל האָט זיך צעטראָגן אַ פריידיגער אומרו: „אַלגין קומט, אַלגין קומט!"

און מ'האָט שוין געוואוסט, אַז אַלגין קומט אויף אָ פּ ר ו, מיינט עס, אַז ער וועט האַלטן אַ רעדע אין אָוונט, פאַר די עלטערן-געסט. שפּעט אין אָוונט, ווען די קינדער וועלן איינשלאָפן, וועט ער רעדן צו די לערער און קאָנסעלער. אויפן צווייטן טאָג וועט ער שוין האַלטן אַ לעקציע לעבן בוים, לעבן דעם באַרימטן עץ-הדעת, דעם בוים פון וויסן. ער וועט רעדן ביים קעמפּ-פייער און ער וועט רעדן ביים קאָנצערט. ער וועט שוין אָנשרייבן עטלעכע אַרטיקלען און אַ פּאָר בילדער. ער וועט און וועט און וועט... אַ ז ו י וועט זיך אַ ל ג י ן אָ פּ ר ו ע ן אויף זיין וואַקאַציע אין דער זומער-קאָלאָניע . . .

געסט האָבן שוין אָנגעהויבן רעדן צווישן זיך וועגן אַלגינען. אייניגע האָבן דערציילט וועגן זייערע באַגעגענישן מיט אַלגינען נאָך אויף יענער זייט ים. אַנדערע האָבן זיך געטיילט מיט זכרונות וועגן אַלגינס אַנצאָליגע לעקציעס, אַרטיקלען און דערציילונגען.

די קאָנסעלערס האָבן צונויפגעזאַמלט זייערע קינדער אַרום די באַנגעלאָס און זיי דערציילט אַלגינס ביאָגראַפיע, מעשיות וועגן אַלגינס לעבן אַלס יונגטלעכער, אַלס לערער, וואָס האָט צונויפגעשטעלט לערנביכער „דאָס אידישע וואָרט", אַלס סטודענט, וואָס איז געזעסן אין טורמע, אַלס סאָלדאַט; אַ לערער און שרייבער, וואָס קאָן און שרייבט אויף עטלעכע שפּראַכן און טראָגט אַ דאָקטאָר-טיטול, און נאָך און נאָך . . .

אַזוי, אַז פאַרנאַכט-צו, ווען אַלע קינדער און אַלע עלטערן-געסט האָבן זיך געלאָזט צום עס-צימער עסן וועטשערע, האָבן שוין אַלע געוואוסט ווער אַלגין איז. דער זומער-קעמפּ איז שוין געווען פול מיט אַלגינען און זיינע פאַרדינסטן פאַר די אידישע פאָלקס-מאַסן.

און אַז אַלגין האָט זיך באַוויזן אין עס-צימער, אין דער באַגלייטונג פון די אָנפירער פון די פאַרוואַלטער פון דער זומער-קאָ-

לאַניע, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און מקבל־פּנים געווען דעם גרויסן גאַסט מיט געזאַנג.

אַלגין איז געווען גערירט פון דער אויפנאַמע ביז טרערן. ער האָט אַ פּאָר מאָל פאַרריכט זיינע פענסנע, זיי זאָלן ניט אַראָפּפאַלן פון נערוועזיטעט. ער האָט זיך גערויטלט, זיך פאַרנויגט און גע־דאַנקט. ער האָט געהאַט צו אימיצן טענות, צוליב וואָס מ'האָט עס געדאַרפט צוגרייטן אַזאַ רוישנדיקע באַגעגעניש. אָבער קיי־נער האָט זיך ניט געפילט שולדיג, ווייל ס'האָט קיינער ניט צו־געגרייט, ס'האָט זיך צוגעגרייט פון זיך אַליין, פון פאָלק!

נאָך דער וועטשערע, וואָס האָט געדויערט לענגער ווי שטענ־דיג, האָט דער עולם זיך געהאַלטן אַרום עס־צימער. מ'האָט גע־וואַרט אויף אַלגינען. מ'וויל אים זען פון דער נאָענט. מ'וויל הערן, וואָס ער רעדט.

מיטאַמאָל האָט זיך דער אויגוסט־וועטער געביטן. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן קילער, ס'האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ ווינט. און אַלגין האָט זיך, אַפּנים, פאַרגעסן און אַרויסגעקומען פון עס־צימער בלויז מיטן אויבער־העמד.

און מיטאַמאָל האָט מען דערזען, ווי דער גרויער פאָלקס־זינגער ח י י ם שטופּט זיך דורכן עולם. ער האָט אויסגעטאָן זיין סוועדער־רעקל און טראָגט עס אין פאַראויס. ענדלעך איז ער צו צו אַלגינען: „טוט אָן, טייערער אַלגין, ס'ווערט קיל, איר קענט זיך נאָך צוקילן, מ'דאַרף זיך אָפּהיטן...”

אַלגין איז געבליבן שטיין אַ דערשטוינטער. דער עולם אַרום אים האָט עס צוגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג.

„איך דאַנק אייך, גוטער ברודער, איך שאַץ אָפּ אייער פריינט־שאַפט!” — האָט אַלגין זיך אָנגערופן.

און לאַנג־לאַנג האָט מען גערעדט וועגן דער סצענע . . .

**
*

און צווישן הונדערטער און הונדערטער אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן איז צוגעקומען נאָך אַ מעשה וועגן דער ליבע, וואָס דאָס פאָלק האָט אַרויסגעוויזן צו אַלגינ'ען, ווען ער האָט געלעבט.

און די ליבע וועט פאַרבלייבן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס וועט לעבן דער נאָמען, דער גייסט און די גרויסע ירושה פון מ. אַלגין!...

אַלגינס שטימע

ווי אַ צייכן פון דער צייט, האָבן מיר פאַרטראַכט צו גרינדן אַ לייען־קרייז אויפן נאָמען פון מ. אַלגין, ערב דעם 32סטן געבוירנ־טאָג פון דער „מאָרגן־פרייהייט“.

צו דער ערשטער לייענונג האָבן זיך פאַרזאַמלט ניין אַלגינס פאַרערער: דריי נאָדל־אַרבעטער, צוויי הויז־פרויען, איין בוכ־האַלטער, איין פאַרזיכערונג־אַגענט און דער שרייבער פון די שורות און זיין פרוי.

דער נאָדל־אַרבעטער, ביי וועמען עס איז פאָרגעקומען די ערשטע לייענונג, האָט אונז צוגעפירט צו זיין פאָנאָגראַף און זיך אָנגערופן: „אַזוי ווי מיר הויבן היינט אָן אונזער „אַלגין לייען־קרייז“, טאָ לאָמיר הערן אַלגינס לעצטע רעדע אין 1938, פון אַ רעקאָרד“.

מיר זיינען געזעסן שטיל און זיך איינגעהערט. מיר האָבן אפילו געהערט דעם הוסט, וואָס אַלגין האָט אַרויסגעלאָזט. אָבער שאַרף זיינען געווען זיינע ווערטער, קלאָרע און אויסגעציילטע. און נאָכ־אַמאָל האָבן מיר געהערט: „ווען מיר האָבן אַ געלעגנהייט צו רעדן צו די ברייטע מאַסן, זיינען מיר זיכער, אַז זיי וואָלטן אָנ־גענומען אונזער פראָגראַם, ווייל בלויז אונזער פראָגראַם איז אין זייערע אינטערעסן . . . “

ביי יעדן איינעם פון די פאַרזאַמלטע האָט נאָך לאַנג, נאָכן פאַרענדיגן אַלגינס רעדע־רעקאָרד, געקלונגען אין די אויערן אַל־גינס שטימע. מ'האָט זיך דערמאָנט אין פאַרשיידענע באַגעגענישן מיט אַלגינען . . .

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער ערשטער לייענונג פון אַלגינס „קולטור און פאָלק“, אַרויסגעגעבן פון דעם „איקוף־פאַרלאַג“, אין 1949, מיט אַ פאָרוואָרט פון פּ. נאָוויק.

מיר האָבן געקוקט אויף אַלגינס בילד, פאָטאָגראַפירט אין 1938, אין דער רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרייהייט“: אַלגין זיצט ביים גרויסן טיש, וואָס איז פאַרוואָרפן מיט מאַנוסקריפּטן און אויסשניטן, און ער האַלט אין דער האַנט אַ נומער פון זיין, פון אונזער „מאָרגן־פרייהייט“.

„אַלגין איז מיט אונז יעדן טאָג. מיר זעען זיין בילד יעדן טאָג גלייך לעבן די גרויסע ווערטער „ מ א ר ג ן - פ ר י י - ה י י ט “.

אַלגין רעדט צו אונז יעדן טאָג דורך זיין געטרייען נאָכפאָל־גער פּ. נאָוויק, דורך זיינע קאָלעגן, דורך זיינע שילער־שרייבער...

מיר האָבן אָנגעהויבן לייענען פּ. נאָוויק'ס פאָרוואָרט, וואָס הויבט זיך אָן אַזוי טרעפלעך מיט אַלגינ'ס רעפעראַט „אויפן ברייטן וועג“, וואָס ער האָט געהאַלטן ערב דער גרינדונג פון „איקוף“. מיט יעדן פּאַראַגראַף, מיט יעדעם בלעטל, איז אַלגין פאַר אונז נאָכאַמאָל לעבעדיג געוואָרן: אָט האָבן מיר געזען זיין בילד,

אַט האָבן מיר געהערט זיין שטימע, און אַט שאַצן מיר נאָכאַמאָל אָפּ זיין ביישטייער.

און מ'האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען; מ'האָט אָנגעהויבן דערציילן סודות: ביי איינינגע ליגן די ערשטע נומערן פון דער „פרייהייט", און אָט קומט אויפן געדאַנק אַן עפּיזאָד, וואָס איינע פון די פאַרזאַמלטע האָט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט דערציילט, אַז אין 1926, בשעת'ן גרויסן פאַריער־סטרייק האָט איר ברודער זי מיטגענומען צו אַ פאַרזאַמלונג, וואו אָלגין האָט אַפּעלירט מ'זאָל שטיצן די „מאָרגן־פרייהייט", און איר ברודער האָט אַוועקגעגעבן די לעצטע פופציג סענט אָלגינען, דערנאָך האָבן זיי ביידע, זי און איר ברודער, געדאַרפט שפּאַצירן אַהיים, פון מאַנהעטן אין די בראָנקס... אָבער ס'איז געווען אַזוי גרינג צו גיין!...

(מיר האָבן דעם עפּיזאָד ברייטער פאַרצייכנט צו אָלגינס 15טן יאָרצייט, וואָס קומט באַלד אין דער זאַמלונג.)

און יעדער איינער דערציילט און פון אַלעמען רעדט אַרויס אַ שטיק אָלגין.

ס'איז ניט קיין וואונדער: יאָרן און יאָרן, אַז די „מאָרגן־פרייהייט" לערנט אונז פאַרשטיין דאָס לעבן דורך פּראָגרעסיווע אויגן.

און צוריק איז געקומען אָלגינס וואָרט: „ווען מיר האָבן אַ געלעגנהייט צו רעדן צו די ברייטע מאַסן, זיינען מיר זיכער, אַז זיי וועלן אָננעמען אונזער פּראָגראַם, ווייל בלויז אונזער פּראָגראַם איז אין זייערע אינטערעסן!..."

און אויף אַלעמען האָט געררוט אַזאַ מין זיכערקייט, אַז אָלגינס שטימע, די „מאָרגן־פרייהייט", האָט אַן אייביגע קראַפט, ווייל זי איז געמאַכט פון אמת, יושר און גערעכטיקייט פאַר אַלעמען.

די „מאָרגן־פרייהייט" האָט דורכגעקעמפט שווערע יאָרן פון עקזיסטענץ, אָבער זי וועט לעבן אונטער אַלע אומשטענדן, כל־זמן עס וועלן לעבן אידישע מאַסן אין אַמעריקע!

„אָלגינס שטימע" וועט זיך נאָך לאַנג, לאַנג הערן!...

אָלגינ'ס אינטערנאַציאָנאַליזם

דעם סאָציאַליזם האָט אונז אָלגין געלערנט און אין אָלגינס וועגן נייען מיר. אָלגין האָט אונז געלערנט, אַז אינטערנאַציאָנאַליזם איז ניט קיין סתירה צו נאַציאָנאַלע אינטערעסן, פאַרקערט — אמת'ע אינטערנאַציאָנאַליסטן זיינען די בעסטע קעמפער פאַר די אינטערעסן פון זייער פאָלק. לייענט איבער אָלגינ'ס רוף „צו דיר, מיין פאָלק", בשעת די פּאָגראָמען אין נאַצי־דייטשלאַנד אין נאָוועמבער 1938. מיט וויפיל ווייטאָג, מיט וויפיל ליבע צום פאָלק און זיין פּראָגרעסיווער נעשיכטע דער רוף איז דורכגעדרונגען! און אָלגין, ווי אַלע ווייסן, איז געווען דער מייסטער־בויער פון דער אידישער קולטור: דער הויפּט־גרינדער פון איקו״ף. אמת'ער אינטערנאַציאָנאַליזם איז קעגן נאַציאָנאַלן ניהיליזם! קעמפענדיג פאַר נאַציאָנאַלע אינטערעסן, ווי אָלגין האָט עס געטאָן, — און ווי מיר טוען — קאָן מען ערשט קעמפן ווי מיר קעמפן — קעגן שאָוויניזם און נאַציאָנאַליזם.

אַ סך פון אונז האָבן צוזאַמען מיט מיר געהאַט דעם כבוד יאָרן לאַנג צו אַרבעטן זייט ביי זייט מיט אָלגינ'ען, — האָבן מיר איינגעזאַפּט אין זיך דעם סטיל פון זיין אַרבעט. האָבן מיר כסדר איבזינגען די „וועלט מיט אַרבעט" וואָס ער האָט אונז געלאָזן.

פון ב. גאַרין

מיט אַלגינס וואָרט איז גרינג צו ליידן!...

עס איז פאָרגעקומען אַ קליינע פאַרזאַמלונג אין ברוקלין, ניו־יאָרק. עס זיינען געזעסן אַ צאָל מענער און פרויען, פאַרטרעטער פון „מאָרגן־פרייהייט" קאָמיטעטן, פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און געגנטן. מען האָט באַטראַכט פּלענער ווי אַזוי בעסער און שנעלער צו שאַפן די אָנגעצייכנטע יערלעכע סומע געלט אויפן פאָנד צו פאַרזיכערן זייער פאָלקס־צייטונג, די אַלגין־צייטונג.

עס איז געזעסן דער פאַרטרעטער פון דער רעדאַקציע, דער שפּרודלדיגער י ש ר א ל , וואָס האָט געהאַלטן דעם אָוונט אַ פאָרטראַג וועגן דער וויכטיגער ראָלע, וואָס די „מאָרגן־פרייהייט" שפּילט אין דעם אויפקלערן די אידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט, אין לאַנד און אויף דער אידישער גאַס.

די פאָרזיצערין ח נ ה , די אומדערמידלעכע טוערין און שאַפּ־אַרבעטערין, האָט געצויגן די טוער און טוערינס ביי די צינ־גער. זי האָט זיך ממש געבעטן, אַז מ'זאָל אָנטיילנעמען אין דער דיסקוסיע, ווייל פון יעדער אויסטויש פון מיינונגען, לערנט מען זיך, מ'לערנט איינער דעם צווייטן.

איז אָט ביי דעם סוף פון דער דיסקוסיע, ווען דער עולם האָט געמיינט, אַז קיינער וויל שוין גאָרניט זאָגן, האָט די קליין־וואוק־סיגע ד ז ש ע נ י אויפגעהויבן איר האַנט, ווי אַ ווענדונג צו דער פאָרזיצערין, אַז זי בעט אַ וואָרט, זי וויל אויך עפּעס זאָגן.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר שטול, די קליין־וואוקסיגע דזשעני זיך אויסגעהוסט אַביסל, זיך אַרומגעקוקט, אַרונטערגע־לאָזן די אויגן, זיך, וויזט אויס, אַביסל פאַרשעמט און זיך אַביסל דערשראָקן, און אָנגעהויבן דערציילן, פריער אויף זייער אַ שטילן אופן, דערנאָך אויף אַ העכער קול, אַ מעשה פון איר לעבן:

„מיר דאַכט זיך, אַז דאָס, וואָס איך וויל איצט דערציילן פאַר אייך, האָט צו טאָן מיט אונזער ענין, מיט אונזער צייטונג, מיט אונזער זאַמלען פאָנדן מיט אַלגינען.

ווען ס'איז צו אונז, אין דער אַלטער היים, אָנגעקומען דער ערשטער נומער פון דער „פרייהייט", וואָס מיין ברודער האָט אונז צוגעשיקט, האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אין דער שטיל, כמעט אין געהיים, און איבערגעלייענט דעם נומער פון ערשטן ביזן לעצטן אות. די קאָפּיע איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, פון הויז צו הויז. עס האָט געוועקט אין אונז אַ גרויסע פרייד. מיר האָבן גע'יום־טוב'ט פון דעם, וואָס די אידישע מאַסן אין אַמע־ריקע האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַן אייגענע אידישע צייטונג...

אין עטלעכע יאָר אַרום האָט מיך מיין ברודער אַרויסגענומען קיין אַמעריקע. און פונקט, צו מיין מזל, בין איך אָנגעקומען אין אַ שלעכטער צייט. ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן פילן דער קריזיס, דער קראַך, וואָס איז שפּעטער געקומען אין 1929.

אָבער מיין ברודער, וואָס איז שוין געווען אַ קראַנקער פּאַ־ריער, איז גאָר געווען אויפגעלייגט און קאַמפּס־לוסטיג. מיין ברו־דער האָט גאָר דעמאָלט געסטרייקט, געקעמפט פאַר אַ בעסערער יוניאָן, פאַר בעסערע באַדינגונגען אין די שעפּער.

און איינמאָל קומט ער אַהיים, מיין ברודער, אַ לויכטנדער, און זאָגט מיר: „מאָרגן, דזשעני, מיין טייער גרין שוועסטערל, נעם איך דיך מיט צו אַ מיטינג, אַ פאַרזאַמלונג, וואו עס וועט רעדן דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייהייט" — מ. אַלגין".

אויף מאָרגן האָב איך זיך אויסגעפּוצט און אַוועק מיט מיין ברודער. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט אַרבעטער־סטרייקערס. די סטרייקערס זיינען גאָרניט געווען אויסגעפּוצט. מ'האָט געקענט זען אָרעמקייט אויף זיי. אַ צאָל אַרבעטער זיינען געווען אויס־געמאַטערט, ניט־דערשלאָפענע. און גערויכערט האָבן זיי זייער אַ סך. אַלע זיינען געווען אָנגעשטרענגט, פאַר'דאגה'ט, און בייז־לעך אויף אימיצן.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע אַ מאַן מיט אַ פּענסנע, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, מיט אַ געוויינלעכן גרויען אַנצוג. אַלע אַרבעטער האָבן זיך מיטאַמאָל אַ הויב אויף געטאָן פון זייערע שטולן. מ'האָט אָנגעהויבן פּליעסקען מיט די הענט און אויסרופן: „אַלגין, אַלגין, זאָל לעבן אַלגין!..."

איך בין אויך פאַרציטערט געוואָרן פון דעם בילד, איך האָב אויך געפּליעסקעט מיט די הענט און דאָס האַרץ האָט מיר גע־קלאַפּט.

די אָוואַציע האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוטן און דערנאָך איז געוואָרן איינגאַנצן שטיל, זייער שטיל. אַזוי שטיל, אַז מ'האָט געקענט הערן דאָס אָטעמען פון די מענטשן.

און אַז ס'איז געוואָרן זייער שטיל, האָט אַלגין אָנגעהויבן צו רעדן: „השובֿ'ע אַרבעטער, הייליגע סטרייקערס: איך וויים ניט צי איר אַליין שאַצט אָפּ די באַדייטונג פון אייער העלדישן סטרייק. ניט נאָר פאַר זיך אַליין קעמפט איר, פאַר אייערע פאַמיליעס, פאַר בעסערע באַדינגונגען, — נאָר איר ווייזט אַ ביישפּיל פאַר די אַר־בעטער פון אַנדערע פאַכן..."

און מ'איז געזעסן מיט אָפענע מיילער און געשלונגען די רייד פון מ. אַלגין. און אַזאַ שיינע ליטעראַרישע קינסטלערישע אי־דישע שפּראַך איז אַרויסגעקומען פון זיין מויל, פּונקט ווי זי איז אַרויסגעקומען פון זיין פּען, פון די פעליעטאָנען, עסייען, בילדער און דערציילונגען, וואָס ער האָט דעמאָלט געשריבן.

און מ'איז געזעסן און מ'האָט געזען אַ וואונדער פאַר זיך: ביי די אַלע סטרייקערס האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעטאָן זייער בייזקייט און פאַרזאָרגטקייט. עפּעס האָט מיטאַמאָל אויף זייערע פּנים'ער אָנגעהויבן שיינען אַ פרייד. זייערע אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן. מיטאַמאָל איז עפּעס אַנטרינען געוואָרן די אָרעמקייט פון זיי און שטאָלץ און העלדיש האָבן זיי אויסגעקוקט . . .

„און דאָס, וואָס איר טוט, אייער העלדיש סטרייקן, גיבן מיר איבער אין אייער־אונזער צייטונג „די פרייהייט”, — האָט אַלגין ווייטער פשוט גערעדט — און אַז אַנדערע לייענען וועגן אייער העלדישקייט, לערנען זיי זיך פון אייך ווי אַזוי צו זיין בעסערע קעמפער פאַר יושר, גערעכטיקייט, פאַר אמת, און פאַר אַ שיין

לעבן פאַר אַלעמען... נאָר מיר קענען ניט אַרויסגעבן די צייטונג אָן פּאַפּיר, אָן מאַשינען, אָן זעצערס און דרוקערס, אָן שרייבער... מיר דאַרפן הילף... די רייכע ווילן ניט העלפן אונזער צייטונג!...”

איך בין מיטאַמאָל געבליבן פאַרציטערט: „ביי וועמען בעט עס אַלגין הילף? — ביי אָרעמע אַרבעטער? — ביי ס ט ר י י ־ ק ע ר ס?...”

און ווי פאַרוואונדערט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערזען פון אַלע זייטן ווי די סטרייקערס לויפן צו דער בינע און גיבן אַוועק זייער לעצטן דאָלער, זייער לעצט ביסל קליין־געלט. און אויך מיין ברודער האָט זיך געגעבן אַ ריים אָפּ פון זיין בענקל, צוגעלאָפן צו דער בינע און דערלאַנגט אַ האַלבן זילבערנעם דאָלער . . .

די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיגט אין אַ געהויבענער, יום־טוב׳דיגער שטימונג. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין. און איך מיט מיין ברודער זיינען אויך אַרויס פון זאַל.

נאָר אָנשטאָט צו דער באַן, וואָס האָט אונז געדאַרפט פירן אַהיים, אין די בראָנקס, האָט ער מיך גאָר געפירט אויף אַ שפּאַציר איבער די גאַסן.

איך האָב זיך שטאַרק געוואונדערט און אים באַלד געפרעגט: „ברודער, טייערער, מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז ניט דער וועג צו דער באַן, וואָס זאָגסטו?...”

„ביסט גערעכט, שוועסטער, ביסט גערעכט, נאָר היינט וועלן מיר שוין שפּאַצירן אַהיים צ ו פ ו ס!...” — זאָגט ער צו מיר מיט אַ שמייכל.

„צ ו פ ו ס? — פאַרשטיי איך ניט, וואָס ער מיינט, איך האָב געטראַכט, אַז ער מאַכט שפּאַס, — אַזאַ לאַנגן וועג?!”

„יאָ, שוועסטער טייערע, כ׳האָב אַוועקגעגעבן די לעצטע פופציג סענט אַלגינען פאַר אונזער צייטונג, פאַר מיין צייטונג, פאַר דיין צייטונג, פאַר דער אָ ל ג י ן ־ צ י י ט ו נ ג, „די פרייהייט”!...

שוין יאָרן און יאָרן אין דעם, — האָט ד ז ש ע נ י געהאַלטן ביים פאַרענדיגן איר דערציילונג, זי האָט געקוקט אויפן עולם מיט אַ מין געבעט, אַז מ׳זאָל איר פאַרגעבן, וואָס איר וואָרט, וואָס זי האָט געבעטן ביי דער פאָרזיצערין, האָט זיך פאַרצויגן, — מיין ברודער איז שוין לאַנג געשטאָרבן. אַלגין איז שוין אויך געשטאָרבן. נאָר יעדעס מאָל, יעדעס יאָר, ווען ס׳קומט אויף די „מאָרגן־פרייהייט”־קאַמפּאַניע פאַר געלט־הילף און נייע לייענער; יעדעס יאָר, ווען מיר פירן דורך די אַלגין־מעמאָריעלס, — שווימט

אויף פֿאַר מיר דאָס בילד, די געשיכטע, וואָס איך האָב אייך נאָר־וואָס דערציילט.

און איך געדענק מיין ברודערס ווערטער: „שוועסטער, טייע־רע, מיט אָלגינס וואָרט איז גרינג צוליידן!...״

מיטאַמאָל איז די קליין־וואוקסיגע דזשעני גאָר אויסגעוואָקסן אין די אויגן פון די פאַרזאַמלטע פאַרטרעטער. און דער פאַרטרע־טער פון דער ציימונג, דער שרייבער י ש ר א ל , האָט אונ־טערגעשטראָכן: „ס׳איז כדאי צו געדענקען דעם זאָג: מיט אָל־גינס וואָרט איז גרינג צו ליידן!...״

און אַז די פאַרטרעטער, די טוער, די בויער פון דער אָלגין־ציימונג, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין, האָבן זיי צווישן זיך גערעדט: „מיר וועלן עפּעס האָבן צו דערציילן וועגן אַ העלדישן ביישפּיל פון אַ סטרייקער, וואָס האָט אַוועקגעגעבן אָלגינען זיינע לעצטע פופציג סענט פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט“... איז געגאַנגען פון מאַנהעטן אין די בראָנקס צופוס... און האָט נאָך געלערנט זיין שוועסטער זיך ניט צו זאָרגן: ו ו י י ל מ י ט אָ ל ג י נ ס ו ו אָ ר ט א י ז ג ר י נ ג צ ו ל י י ד ן ! . . . ״

מ. אָלגין

(ביאָגראַפישע נאָטיצן)

דער אמת׳ער נאָמען פון חבר מ. אָלגין איז משה יוסף נאָוואָמיסקי. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 24טן מערץ, 1878, אין אַ דאָרף אין קיעווער גובערניע, אומאַנער קרייז. זיין פאָטער, אַ שאַפער אין וועלדער, פריער אין קיעווער גובערניע, נאָכדעם אין וואָלין, אַ איד אַ למדן, אָבער געכאַפּט אין השכלה, האָט דערצויגן זיין זון אויף תנ״ך און גמרא, אָבער אויך אים ניט געשטערט צו לערנען רוסיש ביי די פּויערים פון די אַרומיגע דערפער, געגעבן אים אַ צוטריט צו מאָדערנע העברייאישע ספרים און אפילו צו דער אידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען. צו 15 יאָר האָט חבר אָלגין פאַרלאָזט זיין היים אין וואַלד און אַ פּאָר יאָר געקנעלט אין דערפער ביי ישוב׳ניקעס. שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין קליין שטעטל ראָגאַטשעוו, וואָלינער גובערניע, וואו ער האָט געגעבן שטונדן און גלייכצייטיג געאַרבעט איבערן קורס אין גימנאַזיע. אינעם יאָר 1900 איז ער אָנגעקומען אויף דעם יורידישן פאַקולטעט פון דעם קיעווער אוניווערזיטעט. דאָרטן ווערט חבר אָלגין אַריינגעצויגן אין דער סטודענטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, מיט וועלכער ער האָט זיך שוין געהאַט באַקענט אין ראָגאַטשעוו.

אין יאַנואַר פון יאָר 1901 ווערט חבר אָלגין צוזאַמען מיט אַ פּאָר הונדערט אַנדערע סטודענטן אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן פאַרן אָנטיילנעמען אין די סטו־דענטישע אומרוען. ער פאַרעפנטלעכט דעמאָלט זיין ערשטע פעדער־פּראָבע: אַ פּראָקלאַמאַציע צו די סטודענטן אין רוסיש. אין אויגוסט ווערט ער אַמנעסטירט און פאַרנעמט אַ פירנדיגן פּלאַץ אין דער סטודענטן־באַוועגונג, ווי פאָרזיצער פון דעם סטודענטישן צענטראַל־קאָמיטעט. גלייכצייטיג איז ער אַ מיטגליד אין דער אידישער רעוואָלוציאָנערער סטודענטן־גרופּע „פרייהייט״, פון וועלכער עס וואַקסט שפּעטער אויס די קיעווער אָרגאַניזאַציע פון דעם „בונד״. זינט 1903 איז חבר אָלגין פאַרבונדן מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין אפריל פון יאָר 1903 ווערט חבר אַלגין אַרעסטירט אויף אַ חודש אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צוגרייטונגס־אַרבעט צו שאַפן אַ אידישן זעלבסט־שוץ אין קיעוו געגן די דערוואַרטעטע פּאָגראָמען ; ער פאַרלאָזט אין 1904 דעם אוניווערזיטעט, קומט מיט אַ פאַלשן פּאַס קיין ווילנע, אַלס מיטגליד פון ווילנער קאָמיטעט פון „בונד". אין מאַי 1904 ווערט חבר אַלגין ווידער אַרעסטירט און ווערט באַפרייט אין נאָוועמבער אויף ערבות (בעיל), פאָרט אַריבער אויף אַ געענדערטן נאָמען קיין דווינסק, דעם דעמאָלטיגן צענטער פונעם צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד", וואו ער שטעלט צוזאַמען דעם אָרגאַן „בונד", באַטייליגט זיך אין דער רעדאַקציע פון „אַרבעטער־שטימע", פאַרפאַסט אַלע פּראָקלאַמאַציעס, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" גיט אַרויס אין דעם שטורעם־יאָר פון 1905 און שרייבט אויך רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַטאָרישע בעלעטריסטיק פאַר דער אומלעגאַלער אידישער פּרעסע. אינעם יאָר 1906 ווערט חבר אַלגין אַ מיטאַרבעטער פון דער לעגאַלער בונדיסטישער טאָג־צייטונג אין ווילנע „דער וועקער" (שפּעטער „פאָלקס־צייטונג"), וואו ער פאַרעפנטלעכט איבערזיכטן איבער נייע ליטעראַרישע ווערק אונטערן פּסעוודאָנים „יוסף", דערציילונגען און בילדער פון דעם רעוואָלוציאָנערן לעבן און ווערט שפּעטער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג.

סוף יאָר 1906 פאַרלאָזט חבר אַלגין רוסלאַנד צוליבן שוואַכן געזונט. אין יאָר 1907 שטודירט ער אין היידעלבערג סאָציאַלע וויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע. גלייכצייטיג באַטייליגט ער זיך אין די פאַרשיידענע בונדיסטישע זאַמל־ביכער, וואָס זיינען אַרויס נאָך דער אָפּשטעלונג פון דער „פאָלקס־צייטונג" דורך דער פּאָליציי. אין יאָר 1909 איז ער צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, געהאַלטן לעקציעס אין ווילנע פאַר די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אין דער אָונט־שול, און אויפן אויפטראַג פון דער דאָזיגער שול צונויפגעשטעלט אַ אידישע ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע „דאָס אידישע וואָרט" (דריי טיילן, פאַרלאַג ב. א. קלעצקין, 1912, אויסגעהאַלטן אַ ריי אויפלאַגעס). אינעם יאָר 1912 גיט ער אַרויס אין פאַרלאַג „פּראָגרעס" אַ זאַמלונג בעלעטריסטישע עסייען און בילדער אונטערן נאָמען „ווען דאָס לעבן רופט", אין וועלכע עס שפּיגלען זיך אָפּ די קאַמפּס־שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אויף דער אידישער גאַס אין דער צייט פון דער רוסישער פרייהייטס־באַוועגונג ; קאָנפיסקירט פון דער צאַרישער מאַכט, איז די זאַמלונג איבערגעדרוקט געוואָרן אין 1918 אונטערן נאָמען „ווען קייטן קלינגען" (וואַרשע, פאַרלאַג „אידיש")

אָנהויב יאָר 1913 באַזעצט זיך חבר אַלגין אין ווין, וואו צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים רעדאַקטירט ער די בונדיסטישע וואָכנשריפט „די צייט", וואָס איז אַרויס אין פּעטערבורג. גלייכצייטיג אַרבעט ער איבער זיין דיסערטאַציע „אורשפּרונג פון מאַרקסיזם אין רוסלאַנד". געטראָפן פון דער וועלט־מלחמה אין דייטשלאַנד און ניט קענענדיג זיך אומקערן קיין רוסלאַנד צוליב פּאָליציייִשע רדיפות, פאָרט חבר אַלגין אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער טרעט אַריין אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס", אין וועלכן ער האָט שוין געהאַט קאָרעספּאָנדירט זינט דעם יאָר 1907. אין דער זעלביגער צייט זעצט ער פאָר זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „צוקונפט". אין יאָר 1915 ווערט ער מיט־רעדאַקטאָר פון דעם אָרגאַן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע „די נייע וועלט".

אינעם יאָר 1920 באַזוכט חבר אַלגין פראַנקרייך, דייטשלאַנד און סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין פרילינג 1921 איז חבר אַלגין צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, פאַרעפנטלעכט אַ לאַנגע סעריע אָפּהאַנדלונגען און באַשרייבונגען וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד אין „פאָרווערטס" און אין דער ענגלישער פּרעסע פון אַמעריקע

וועלכער חבר אַלגין איז געווען פֿאַרבונדן שוין פֿון פֿריער. אַט די באַשרייבונגען זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט גרויס ענטוזיאַזם פֿאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט ראַדיקאַל געענדערט חבר אַלגינ׳ס פּאָליטישע אָנשויאונגען. אונטער דעם פֿרישן איינדרוק פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווירקט חבר אַלגין אויף דער אידישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע, אַז זי זאָל פֿאַרלאָזן די רעכטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פֿון אַמעריקע, צו וועלכער חבר אַלגין האָט געהערט זינט ער איז אָנגעקומען אין דער נייער וועלט. נאָך דער שפּאַלטונג פֿון דער פֿעדעראַציע (סעפּטעמבער, 1921) רייסט חבר אַלגין איבער מיטן „פֿאָרווערטס" און מיט דער „צוקונפֿט" און ווען די פֿעדעראַציע פֿאַראייניגט זיך שפּעטער מיט די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, בילדנדיג די „וואָרקערס (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי", ווערט חבר אַלגין איינער פֿון די טוער פֿון דעם אידישן טייל פֿון דער פּאַרטיי און מיטרעדאַקטאָר, די ערשטע צייט אויך דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון איר אידישן טעגלעכן אָרגאַן „פֿרייהייט", וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין אַפּריל, 1922.

אַ חוץ פּובליציסטיק און ליטעראַרישער קריטיק, האָט חבר אַלגין אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי אַגיטאַטאָרישע בראָשורן אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע (אַגב זיך באַטייליגט אין פֿאַרפֿאַסן די בראָשור „די סאָציאַליסטישע פּראַקציעס אין ציוניזם", פֿאַרלאַג „די וועלט", ווילנע). ער האָט אויך איבערזעצט פֿון רוסיש „הונגער", פֿון ש. יושקעוויטש, „דערציילונגען וועגן זיבן געהאַנגענע", „קעניג הונגער" און „דער געדאַנק"—פֿון לעאָניד אַנדרעיעוו; פֿון פּויליש האָט ער איבערזעצט אַ באַנד דערציילונגען פֿון עליזאַ אָרזשעשקאָ (מיט פֿאָררעדעס פֿון חבר אַלגין און בעל־מחשבות); פֿון דייטש—„יוגנט־געשיכטע פֿון אַרבעטערין" פֿון אַדעלהיים פּאָפּ; פֿון העברייאיש—צוויי בענד פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים; פֿון ענגליש—„די שטימע פֿון בלוט" פֿון דזשעק לאָנדאָן" און „צען טעג וואָס האָבן אויפֿגערודערט די וועלט" פֿון דזשאָן ריד.

אינעם יאָר 1921 גיט חבר אַלגין אַרויס „מיין שטעטל אין אוקראַינע" (פֿאַרלאַג גורעוויטש, ניו יאָרק, 80 זייטן). חבר אַלגין האָט אויך אָנגעשריבן צוויי גרויסע ווערק אין ענגליש—„עי גאַיד טו ראָשיען ליטעראַטשור", אַן איבערבליק איבער די וויכטיגסטע רוסישע שרייבער פֿון 1820 ביז 1920, מיט כאַראַקטעריסטיקס פֿון די פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע שולן, מיט אָפּשאַצונגען פֿון די וויכטיגסטע ווערק און „די נשמה פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע"—אויף אידיש איבערזעצט פֿון מ. אָשעראָוויטש (צוויי בענד, פֿאַרלאַג גורעוויטש, 1920). האָט אויך איבערזעצט פֿון דייטש אין ענגליש פֿרידריך ענגעלס׳עס „דער פּויערים־קריג אין דייטשלאַנד" און האָט אויך געאַרבעט אויף אַן איבערזעצונג פֿון לענינ׳ס ווערק אין ענגליש.

אינעם יאָר 1926 גיט חבר אַלגין אַרויס „פֿון מיין טאָג־בוך" — געשטאַלטן און סצענעס, פֿאַרצייכנט אין אַמעריקע און אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד (פֿאַרלאַג „פֿרייהייט", ניו יאָרק, 1926). אינעם זעלביגן יאָר פֿאַרעפֿנטלעכט ער אין דער „פֿרייהייט" אַ גרעסער בעלעטריסטיש ווערק אונטערן נאָמען „האַוורילע און יואל", פֿאַרפֿערטיגט זיין דראַמע „איר פֿאַרברעכן", וועלכע איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין דעם אידישן קונסט־טעאַטער פֿון ניו יאָרק אין ווינטער 1926־1927. ביידע זאַכן זיינען אַרויס אין בוך־פֿאָרם.

צווישן די לידער, וואָס חבר אַלגין האָט געשאַפֿן, זיינען: „קאָמינטערן" (געדרוקט אין זאַמלבוך „יוניאָן סקווער"), אַן איבערדיכטונג פֿון גאָרקי׳ס „שטורעם־פֿויגל", אַ ליד אין פּראָזע וועגן דער „מאָרגן־פֿרייהייט".

צווישן חבר אַלגינ׳ס פּסעוודאָנימען זיינען: „דער אייביג יונגער", יוסף ניימאַן, מ. אַלגין און אַנד.

שבת, דעם 17טן סעפּטעמבער, 1927, האָבן די אידישע אַרבעטער און פֿאָלקס־מאַסן געפּייערט דעם 25־יאָריגן יובילײ פֿון חבר אָלגינ׳ס רעוואָלוציאָנערער, געזעלשאַפֿטלעכער און ליטעראַרישער טעטיגקייט. אין ניו יאָרק זײַנען די פֿייערונגען דורכגעפֿירט געוואָרן אין קאַרנעגי האָל און סענטראַל אָפּערא הויז. ביידע זאַלן זײַנען געווען איבערגעפּאַקט. דאָס איז געווען אַ יום־טוב פֿון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. דער נומער „פֿרײַהייט" פֿון יענעם טאָג איז געווען אינגאַנצן געווידמעט דעם יובילאַר. אויך דער סעפּטעמבער־נומער פֿונעם קאָמוניסטישן חודש־זשורנאַל „האַמער" איז געווען געווידמעט דעם יובילײ.

אין משך פֿון די לעצטע עטלעכע יאָר האָט חבר אָלגין פֿאַרפֿאַסט נאָך אַ

גרויסע צאָל וויכטיגע ווערק, צווישן זיי: אין אידיש: „צעבראָכענע גראַטעס" (מעמואַרן); „פֿון מײַן טאָג־בוך" (דערציילונגען); „טראָצקיזם" (מאַרקסיסטישע אָפּהאַנדלונגען). אין ענגליש: „גאָרקי—שרײַבער און רעוואָלוציאָנער"; „טראָצקיזם—קאָנטער־רעוואָלוציע אין אַ מאַסקע"; די בראָשור „קאָמוניזם—צוליב וואָס און פֿאַר וועמען?"—וועלכע איז זייער פּאָפּולער אויף ענגליש אונטערן נאָמען „וואַי קאָמוניזם?" און איבערזעצט אויף 12 שפּראַכן מיט אַ צירקולאַציע פֿון אַרום אַ האַלבן מיליאָן. אָנגעהויבן פֿון זײַן ערשטער בראָשור (אין 1905 „סאָציאַליסטישע פּראַקטיקעס אין ציוניזם", האָט חבר אָלגין אָנגעשריבן אויף אידיש אומגעפֿער פֿופֿציג בראָשורן.

אין 1929 איז חבר אָלגין ווידעראַמאָל געוואָרן הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דער „מאָרגן־פֿרײַהייט". גלײַכצײַטיג האָט ער רעדאַקטירט דעם קאָמוניסטישן חודש־זשורנאַל „האַמער" און האָט זיך באַטייליגט אין אַלע ליטעראַרישע און געזעלשאַפֿטלעכע אויסגאַבן פֿון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז חבר אָלגין געווען אין 1921, 1925, 1931 און 1935.

חבר אָלגין איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פֿונעם „דעילי וואָרקער", „ניו מעסעס", „קאָמיוניסט" און אַנדערע אויסגאַבן. ער איז יאָרן־לאַנג געווען דער ניו יאָרקער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער מאָסקווער „פּראַוודאַ" (זײַן לעצטע קאַבל איז דערשינען אין דער „פּראַוודאַ" דעם 22טן נאָוועמבער, אין טאָג פֿון זײַן טויט; ער האָט די קאַבל אַרויסגעשיקט מיט אַ טאָג פֿריער). כמעט יעדן יאָר איז ער

אַרויסגעפֿאָרן אויף אַן אויפֿקלער־ און לעקציע־טור איבערן לאַנד און געשאַפֿן הילף פֿאַר דער „מאָרגן־פֿרײַהייט".

חבר אָלגין איז יאָרן־לאַנג געווען אַ לערער אין אידישן אַרבעטער־אוניווערזיטעט און אין „וואָרקערס סקול". ער האָט אַדרעסירט הונדערטער מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען, זיך באַטייליגט אין הונדערטער סימפּאָזיומס און פֿאָרומס און געגעבן טויזנטער לעקציעס אין אַלע טיילן פֿון לאַנד. אין 1932 האָט ער זיך באַטייליגט אין הונגער־מאַרש קיין וואַשינגטאָן.

אויף דער לעצטער זײַט פֿון דער „מאָרגן־פֿרײַהייט" האָט חבר אָלגין געדרוקט אין משך פֿון די לעצטע עטלעכע יאָר אַן ענגלישן קאָלום, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער.

חבר אָלגין איז געווען איינער פֿון די גרינדער און אָרגאַניזאַטאָרן פֿונעם אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־פֿאַרבאַנד („איקוף"). אין סעפּטעמבער 1937 איז ער אַרויסגעטראָטן אין פּאַריז אויף דער גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג פֿונעם „איקוף". ער האָט אין פֿאַרבינדונג מיט זײַן טעטיגקייט אין „איקוף" פֿאַרפֿאַסט אַ בראָשור (דערשינען אין עטלעכע טויזנט עקזעמפּליאַרן): „דער אַלף־בית פֿון איקוף". ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער רעדאַקציע פֿונעם איקוף־זשורנאַל „אידישע קולטור".

חבר אָלגין האָט אויך געהאָלפֿן רעדאַקטירן די זאַמלביכער און שריפֿטן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער פּראָלעטאַרישער שרייבער־אָרגאַניזאַציע „פּראָלעטפּען", וועלכן ער האָט אין 1929 געהאָלפֿן גרינדן.

חבר אָלגין איז אין אָנהויב פֿון די צוואַנציגער יאָרן געווען אַ מיטגליד פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער „וואָרקערס (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי" פֿון אַמעריקע.

שבת אָוונט, דעם 4טן יוני, 1938, אין אַ גוס־רעגן, האָבן העכער 6 טויזנט מענטשן איבערגעפּאַקט דעם ניו יאָרקער היפּאָדראָם צו דער פֿייערונג פֿון חבר אָלגינ'ס 60טן געבורטסטאָג. דער ערשטער אויפֿן גרויסן צעטל באַגריסער איז געווען חבר אוירל בראַודער, גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ווען דער פֿאָרזיצער, חבר י. סולטאַן, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר פֿון דער נאַציאָנאַלער אידישער ביוראָ ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט דערקלערט, אַז „חבר אָלגין איז דער באַליבטסטער און באַרימטסטער אידישער קאָמוניסט", האָט דער גרויסער פֿאַרזאַמלטער עולם געענטפֿערט מיט אַ שטורעם פֿון אַפּלאָדז.

חבר מ. אָלגין איז געווען אַקטיוו ביז דער לעצטער מינוט פֿון זיין לעבן. ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז לעצטנס געווען קראַנק, פֿלעגט ער אויף איין שעה ניט אויפֿגעגעבן זיין טעטיגקייט אַלס קאָמוניסטישער פֿירער און הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט".

מאָנטאָג, דעם 13טן נאָוועמבער, 1939, בלויז 9 טעג פֿאַר זיין טויט, איז חבר אָלגין אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן צו דער פֿייערונג פֿון 22 יאָר סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דער ריזיגער עולם אין גאַרדן (22 טויזנט מענטשן) האָט אויפֿגענומען חבר אָלגינ'ען מיט אומגעהויערן ענטוזיאַזם און מיטן געזאַנג פֿון „אינטערנאַציאָנאַל".

זונטאָג, דעם 20טן נאָוועמבער, 1939, איז חבר אָלגין אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַגריסונג־רעדע אין האָטעל דיפּלאָמאַט אויף דער קאָנפֿערענץ פֿאַרן „אָרטעף". דאָס איז געווען זיין לעצטער עפֿנטלעכער אַרויסטריט.

ער איז געשטאָרבן מיטוואָך, דעם 22טן נאָוועמבער, 1939, 10:45 אינדערפֿרי, אין זיין וואוינונג, 35 איסט 9טע גאַס, ניו יאָרק.

חבר אָלגין איז יענעם פֿרימאָרגן געווען גרייט צו גיין אין רעדאַקציע, ניט געקוקט אויף די וואָרנונגען אַז ער מוז רוען. ער האָט ניט געוואָלט הערן דערפֿון. „מיר האָבן אַ וועלט מיט אַרבעט און ביטערע שונאים", האָט ער געזאָגט. דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער. באַלד נאָכדעם האָט ער זיך דערפֿילט שלעכט, און אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער אויסגעגאַנגען פֿון אַ האַרץ־אַטאַקע.

צום אָנדענק פֿון מ. אָלגין

צום 30־טן יאָרצייט

159

א דאנק! א דאנק!

פאר שטיצן פינאנסיעל און פארשפרייטן

מיינע ביכלעך: ברוקלין: אסקאר און בעסי פיטערס; אסקאר און בעלא לאנדיס; ליליען קאץ-קאזיניץ; זבארסקי; י.פאסט; גיטל דאוויטאן; י.קופערמאן; בען דרוקער, בענסנהוירס סא-סייעטע; י.ל.דרוקער; חיים געלער, בילער-קולטור-קלוב; ע. גאלדענבערג, ווארבאס-קולטור-קלוב; מאריס לעוו, ווארשע-ווער-קינגס-הייוועי קולטור-קלוב; ח. פאטאש, בארא-פארק קולטור-קלוב; ח. פרעס, קוני-איילענד קולטור-קלוב; סעם פלאטאק; דזשעני שילער; סעם וואלאוויץ; אידיט סיגל, דיכטערין-טענצערין; א אקון. פעטערסאן: איזידאר גע-לער, ח. בארא‌נאוויץ, פעטערסאן קולטור-קלוב; דעטראיט: מאריס סיטרין; שיקאגא: ז. חפץ, שיקאגא קלובן; מוירטל ראטבארד. בראנקס: יעקב טילאוו; ב.ראלער. סטעטן-איילענד: י. פינקלשטיין. ניו-יארק: משה גארפין, בארוכאוויטש קולטור-קלוב; שמואל קארן, מיטלשול; חיים טויבער, אקטיאר. לייקוואוד: אלעקס נעמצאוו, קולטור-קלוב. רעדינג: משה מאראף. פעטאלומא: לואיס זיסלמאן, זשורנאליסט; וויליאם ווילקינס, קולטור-קלוב. פילאדעלפיע: שרה לערנער. נוארק: מארקוס זעלצמאן. קליוולאנד: ע. דוכאן.

אויב כ'האב פארגעסן עמיצן אויסגעלאזט, לאזט וויסן, וועלן מיר אריינגעבן אין קומענדיגן ביכל: "מיט לייב און לעבן פאר דער שול"

לייענער ווערן געלאדן צו ווערן "ספאנסארס" און פארשפרייטער פון די ביכלעך.

מיט בעסטע הארציגע גרוסן, שלמה דאווידמאן.

„מיר האָבן ליב אידיש, ווי יעדער אָנשטענדיגער ארבעטער האָט ליב די געצייגן פון זיין פּרוכטבאַרער אַרבעט. מיר האָבן אָבער מ ע ר ליב דעם פּראָדוקט פון דער אַרבעט, איידער די געצייגן. מיר האָבן מער ליב דעם ק ל אַ ס, וואָס שלינגט קול-טור, איידער די כלי, אין וועלכער די קולטור ווערט דערלאַנגט. אונזער אידיש וועט ניט שטאַרבן, ווייל עס שטאַרבט ניט דער אַרבעטער-קלאַס. א ו נ ז ע ר אַרבעט וועט וואַקסן און ברענגען נייע און נייע פּרוכט, ווייל אַלץ ברייטער און ליכטיגער איז דער וועג פונעם אַרבעטער-קלאַס אין דער צוקונפט".

(זייט 140, "קולטור און פאָלק", פון מ. אָלגין).

„קינדערלאַנד־אַלבאָם"
אַ ביכל 50 סענט, 4 פאַר 1 דאָלאַר
S. DAVIDMAN
3110 Brighton 3rd. St.
B'klyn, N. Y. 11235

אילוסטרירטע
פאַרלייענביכלעך
פון שלמה דאווידמאן
„ברידער און שוועסטער"

אינהאַלט

מיר וועלן גיין אין דיינע וועגן ....

אַלגין רעדט צו דער אידישער יוגנט ....

אונזער אַלגין קלייבט פּערל ....

מיין לערערס לערער מ. אַלגין ....

גיי און פאָלק מיט אַלגינס וואָרט ....

אַנטוישט נים די מאַסן, האָט אַלגין געזאָגט.

די ליבע צו אַלגינען ....

אַלגינס שטימע ....

מיט אַלגינס וואָרט איז גרינג צו ליידן .....

און אנדערע.

(פרייז איין דאלער)